STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05961

YISKER

Walter Volf Artzt

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יזכור

לידער פון
וואָלף אַרצט

מיט אַ הקדמה פון
דוב מאַנדעלבוים

REMEMBER

Poems by
Walter Artzt

Introduction by
Bernard Mandelbaum

FOUNDATION FOR FUTURE GENERATIONS
New York

BY THE SAME AUTHOR

Ready, Willing and Able (English)

After the Holocaust (English and Yiddish)

Library of Congress Catalog Card Number: 89-80044
Copyright © 1989 by Walter Artzt

All rights reserved

Published by Foundation for Future Generations
New York, N.Y.

Printed in the United States of America

To all innocent people who fell under the Nazi beasts and their collaborators.

אינהאַלט

הקדמה, דר. דוב מאַנדעלבוים 12
אַ וואָרט צו די לייענער, מחבר 18

דער חורבן — שואה

יזכור 24
אַ שוואַרצער בלאַט 26
אידיש 28
משיח 30
צו מיין פאָלק 32
אונדזער צער 34
פוילן היינט, מאָרגן ווער? 38
חבר פון מיין יוגנט 40
לערנט, קינדער, לערנט 42
שיין איז דער זומער 44
עפן דעם הימל 46
41 יאָר וואַרשעווער געטאָ 48
פאַרגעסט נישט 50
פאַרבלוטיקטע הענט 52
לשנה הבאה בירושלים 54
דער קיום פון מיין פאָלק 56
שלום פאַר מיין פאָלק 58

ישראל

ישראל 62
ישראל, מיין קינד 64
די ישראל-מאַמע טרויערט 66
אויפן וועג קיין פאַלעסטינע 68
אַ נס און לעגענדע 70
ירושלים 72
שטאַרקן מיין כלי־זיין 74
בראשית 76
ענערגיע 78
תשעה באב 80
עליכם שלום 82

CONTENTS

Introduction by Bernard Mandelbaum 13
Foreword 19

I
THE HOLOCAUST

Remember! 25
A Black Page 27
Yiddish 29
Messiah 31
To My People 33
Our Sorrow 35
Poland Now—Who Next? 39
Friend of My Youth 41
Learn, Children, Learn 43
Summer is Beautiful 45
Open the Sky 47
41st Anniversary of the Warsaw Ghetto 49
Remember 51
Bloody Hands 53
Next Year in Jerusalem 55
My People Will Outlast 57
Peace for My People 59

II
ISRAEL

Israel 63
Israel, My Child 65
Mother Israel Mourns 67
On the Road to Palestine 69
A Miracle and A Legend 71
Jerusalem 73
I Shall Sharpen My Weapons 75
Genesis 77
Energy 79
The Ninth of Av 81
I Return the Greeting 83

אַמעריקע

צוויי הונדערט יאָר יום־טוב 86
גוט יום־טוב, אַמעריקע 88
הונדערטסטער געבורטסטאָג, פרייהייט־סטאַטוע 90
מיין גאָרטן 92
ירושה 94
אונדזער אַמעריקאַנער טאָכטער 96
חלומות 98
אַ קרבן אין וויעטנאַם 100

די משפּחה

זאָג דיין מאַמען 104
אַ געבורטס־טאָג צו מיין בלומען 106
צוויי וואונדערלעכע יום־טובים 108
טרערן 110
צו מיין ליבער פרויס געבורטס־טאָג 112
מיין געליבטע אין שפּיטאָל 114
אויף אייביק פאַרשוואונדן מיין ליבע פרוי 116
אַן אייביקע מצבה 118
אַזוי איז מיר באַשערט 120
מיין מאַמע 122
פינצטער די נאַכט 124
איי־ליו־ליו, מיין קינד 126
גיי געזונט, מיין קינד 128
די פינפטע און זעקסטע קשיא 130
דער זיידע׳ס ״פערד״ 132
פאַר מיינע ליבע אייניקלעך 134
מיין אייניקלס בר־מצוה 136
צו מיינע אייניקלעך, אַ צוואה 138
מיין קליין שוועסטערל, רבקהלע 140
פאַר מאַיאַן 142
אויף דעם טויט פון מיין שוואָגער 144
מיין ברודער׳ס 20סטער יאָרצייט 146

III
America

Two Hundred Years 87
Congratulations America 89
Statue of Liberty—100th Anniversary 91
My Garden 93
Heritage 95
Our American Daughter 97
Dreams 99
A Black Soldier in Vietnam 101

IV
The Family

Tell Your Mother 105
For My Blooma's Birthday 107
Two Wonderful Festivities 109
Tears 111
My Wife's Birthday 113
To My Beloved in the Hospital 115
My Beloved is Gone Forever 117
Your Living Memorial 119
My Fate 121
My Mother 123
Dark is the Night 125
Lullaby, My Child 127
Be Well, My Child 129
The Fifth and Sixth Questions 131
My Grandfather's Horse 133
For My Dear Grandchildren 135
My Grandson's Bar Mitzvah 137
To My Grandchildren: My Testament 139
To My Little Sister, Rivkah 141
To Maya 143
On the Death of My Brother-in-Law 145
My Brother's Twentieth Yahrzeit 147

פון מענטש צו מענטש

איך ליב 150
ליבשאַפט 152
געזעכטיקייט 154
עס ווילט זיך מיר חלומען 156
ווייסע ציגעלעך 158
מיין סקריפּנדיקע טיר 160
זינגט אַ פּאָעט 162
לאָמיר זיך איבערבעטן 164
עס זינגט זיך נישט 168
די באַגעגעניש מיטן טויט 170
ניו־יאָרקער בושה 172
אַטאָמיש פייער 176
אויף פּאַבלאָ קאַסאַל׳ס טויט 178
רו 180
וואָס כ׳וועל מיטנעמען 182

V
The Family of Man

I Love	151
Loving	153
Right	155
The Dream	157
White Lambs	159
My Revolving Door	161
A Poet	163
Let's Make It Up	165
I Can't Sing Now	169
Encounter With Death	171
New York—Shame!	173
Atomic Fire	177
On the Death of Pablo Casals	179
Rest	181
What Will I Take With Me	183

הקדמה

אידיש, אונזער רעד־און קולטור־שפּראַך, רופן מיר אָפט אָן "מאַמע־לשון". "מוטער־שפּראַך" איז גוטער דייטש. און נאָך עפּעס אויף וואָס עס לוינט זיך צו פאַרקלערן: מיר זאָגן נישט "פאָטער־שפּראַך" אָדער "טאַטע־לשון".

אין די עשרת הדיברות שטייט כבד את אביך ואת אמך. אין חומש ויקרא (יט: ג) שטייט איש אמו ואביו תיראו. דער מדרש פרעגט פאַרוואָס ביי "כבד" איז דער פאָטער פריער, און ביי "תראו" איז די מוטער פריער. איז דער ענטפער, אַז פאָטערס זיינען שטרענג. זיי פאָדערן פון די קינדער צו גיין אויפן ריכטיקן, אָן איינזען, האַרב. מוטערס — זיינען מער גענייגט צו רחמים. ביידע, אי דער פאָטער אי די מוטער, ווילן פונעם קינד דאָס זעלבע, אָבער זייער אופן פון זייער דערציאונג איז פאַרשיידן.

מע וואָלט געקענט זאָגן אַ שטייגער אויך "פאָטער־שפּראַך" אָדער "טאַטע־לשון", אָבער דאָס וואָלט געמיינט לשון־קודש: די שפּראַך פון דער תורה, משנה, נביאים — די שפּראַך, וואָס איז גיכער פון געזעץ — חוקים ומשפטים. "אידיש" האָט נישט קיין חוקים ומשפטים. אידיש איז וואַרעם, פאַרגיביק, רחמנותדיק, ווי אַ מאַמע, און דערפאַר איז דער נאָמען "מאַמע־לשון" אַזוי נאַטירלעך פאַר דעם.

דאָס דאָזיקע בוך לידער פון וואָלף אַרצט איז אויף דורך און דורך דורכגעזאָפּט מיט דער וואַרעמקייט און ליבע פון אַ מאַמע, און דאָס אַליין איז דער בעסטער פירוש אויף "מאַמע־לשון". דער דיכטער איז פול מיט ליבע צו זיינע נאָענטע, צו זיין משפחה, פריינט, צו ישראל און בכלל צו אַלץ וואָס עס לעבט אויף דער וועלט.

וואָלף אַרצט איז טיף איינגעוואָרצלט אין אונדזער לאַנג־דורותדיקער לשון־קודשדיקער און אידישער קולטור. ער שפּאַנט דורך אונדזער געשיכטע ווי פון איין טיר אין דער אַנדערער, אין אונדזער הויכער מאָראַל, אין דער וועגווייזונג פאַר פעלקער, אין אונדזער רומפולקייט און אין אונדזער קידוש־השם־טראַגיק.

INTRODUCTION

"*Mamma Lashon*"—"the mother tongue"—is the description of the Yiddish language. And for good reason. The explanation of this will be more compelling after answering this question: Then what is "tateh lashon"—"the father tongue"?

The Midrash, in its interpretation of the Torah's teaching about honoring parents—in the Decalogue (twice) and chapter 19 of Leviticus—makes this point: fathers are strict, insisting upon the right and just way; mothers are more compassionate, recognizing and forgiving a child's occasional weakness. Good parents, of course, have both qualities in some measure. However, the "strict father" and "compassionate mother" reflect an emphasis.

We are now ready to answer the original question: What is "*tateh lashon*", "the father tongue"? It is Hebrew, the language of the Torah, of The Law—Mishnah—the language of the Biblical description of severe punishments for sin and prophetic warnings of doom. True, the prophets console, the prophet is full of compassion and "He is a merciful and loving God who is forgiving." However, again we are talking about an emphasis, as, for example, reference to the "Hebraic Law."

You never heard of the "Yiddish law." Yiddish is warm, forgiving, compassionate like a mother. Thus, "Mamma lashon." All this, I suggest to the reader, is vividly demonstrated in the pages of this book, The Poems of Walter Wolfe Artzt, son of Akiba Smulevitz. They are full of warmth, understanding, love of family and the family of man. Many a phrase, a line, a usage is rooted in history and humanity, reflects wisdom and delights the sense for wit and touches upon comedy as well as tragedy.

The organization of the six sections was shaped by The Poems themselves: (I) The Holocaust (II) Judaism (III) Israel (IV) America (V) The Family (VI) The Family of Man. By no means do they exhaust all the products of Walter Artzt's inspiration, imagination and felicitous pen. However, the 72 poems (4 x 18) have a symbolism. Walter Artzt seeks to understand life in all 4 corners of the earth.

It is his hope that you derive insight and joy, as an individual, from what he has written. He has another purpose: that our people and all people recognize the uniqueness, creativity and continuity of the Yiddish language. And our dedicated Yiddishist makes another vital point: the unifying power of "*mamma lashon*," how it has served to unite the Jewish people. From Auschwitz, where they perished, to Barcelona where just a few escaped—Jews from Germany, Poland, Czechoslovakia, France, Belgium, The Netherlands, Austria, Yugoslavia (where didn't the Nazi beast seek us

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין זעקס אָפּטיילן: 1, שואה; 2, אידישקייט; 3, מדינת ישראל; 4, אַמעריקע; 5, פאַמיליע; 6, פעלקער־משפחה. אין בוך קומען אַריין 72 לידער (4 x 18). וואָלף אַרצט נעמט אַרום אין זיין דיכטונג אַלע פיר וועלט־טיילן. דאָס בוך איז אַ רעגנבויגן פון פאַרשיידנאַרטיקע טעמעס, רייך אין קאָלירן, טיף אין געדאַנק, און איבער אַלץ דאָס מענטשלעכע, די ליבע, דאָס וואָס די תורה האָט אַזוי קורץ און אויסשעפּיק געזאָגט: ואהבת לרעך כמוך. אין דער צאָל אָפּטיילן — זעקס — איז פאַראַן, אויב איר ווילט, אַ מין סימבאָליק: האָט דאָך דער רבונו־של־עולם געשאַפן די וועלט אין זעקס טעג. זעקס — זעקס טעג מיינט כולו שאַפונג.

דאָס איז אַ בוך פּאָעזיע. און פּאָעזיע איז דערהויבונג, דער פּלי אין די געלייטערטע הייכן, די פאַרוועבטקייט פון גייסט און שיינקייט, די דערקענונג פון דער וועלט דורך בילדער און חזיונות. און חוץ דעם אַלעמען — איז דאָס בוך אַ שיר המעלות צו אידיש, צו מאַמע־לשון, די שפּראַך וואָס אונדזער פאָלק האָט מיט זיין גאונות געשאַפן אין דער פאַרטריבנקייט, אין דער רישעותדיקער פרעמד, אינעם לאַנגן גלות, אַ שפּראַך אָן אַ טעריטאָריע, און אַ פאָלק אָן אַ לאַנד. אָט די שפּראַך אָן אַן אייגענעם באָדן איז געוואָרן אַ וועלט־שפּראַך, פּונקט ווי מיר זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וועלט־פאָלק.

מאַמע־לשון איז דאָס לשון פונעם בעל־שם־טוב און ר׳ נחמן בראַסלאַווער, פון שלום־עליכמען און לייוויקן, דאָס לשון פון גלות וואָס איז דערגאַנגען צו גאולה.

וואָלף אַרצט איז, חוץ דיכטער, אַ פערזענלעכקייט אין העכערן זינען פון וואָרט. ראובן רובין, דער גרויסער מאָלער פון ישראל האָט וואָלף אַרצטן אָפּגעשאַצט אַזוי צו זיין זיבעציק־יעריקייט: ״ווער איז אָט דער מאַן? איז ער אַ שרייבער, אַ דיכטער, אַ זינגער, אַ סוחר, אַ דערציילער, אַ הומאָריסט, אַ ציוניסט, אַ אידישיסט? ווער ווייסט? ער איז אַלץ, און מער פון דעם, ווייל ס׳איז אוממעגלעך זיך צו דערגרונטעווען צו זיינע טיפן. יעדן מאָל ווען איך באַגעגן אים, איבעראַשט ער מיך מיט עפּעס נייעס: אַ נייער פאַטענט פאַר אַ דערפינדונג, אַ נייע אידייע פון נאַציאָנאַלן און געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער און וואָס נאָר ניט. ער איז ווי אַ קינד מיט זיינע מידות און קלוג ווי שלמה המלך אין זיינע אָפּשאַצונגען...״

וואָלף אַרצט דער מענטש, וואָלף אַרצט דער פאַמיליע־מאַן האָט אין זיך אַלע מעלות וואָס שאַפט די שלימותדיקייט און גרויסקייט פון זיין פערזענלעכקייט. און דער בעסטער עדות אויף דעם איז זיין באַליבטע פרוי בלומע ע״ה. אָט וואָס זי האָט געזאָגט צו איר מאַנס זיבעציקסטן געבורטסטאָג:

״אַ געבורטסטאָג־באַגריסונג צו מיין מאַן — מיט מיין גאַנצער ליבע און שטאָלץ מיט אים, פיר און פערציק יאָר צוזאַמען, ווי אַ שיינער חלום. מער חלומות פאַרווירקלעכט ווי איך האָב געוואָגט צו דערוואַרטן. צוויי ליבע טעכטער, מיט זייערע געדאַנקען, אָבער

out!) were able to talk to one another, share the pain and brief moments of hope by speaking the Yiddish language which they had in common.

A more intimate word about the author: apparently the great Israeli artist Ruvin Rubin was also gifted with words. No one said it better than he did at Walter's 70th birthday celebration:

> "Who is this man? Is he writer, poet, singer, business man, story teller, humorist, Zionist, Yiddishist? Who knows? For he is all this and more . . . for to fathom his depths there is no end . . .
>
> ". . . each time we meet he surprises me with something new in his pocket . . . a new patent, a new cause to fight for, an new angle for an old subject . . . He is tireless; he is like a child with his manner yet wise like Solomon in his judgements."

No description of Walter Artzt is complete without reference to his beloved, beautiful Betty, of blessed memory. The meaning of their years together is captured in *her* words on the occasion of Walter's 70th:

A birthday greeting to my husband
With all my love and pride in him
Four and forty years together
Like a lovely, lovely dream

More dreams fulfilled than I hoped for
Much more joy than I dared expect
Two lovely daughters with their own minds
Yet the old ways they respect

His white hair is like a crown on his head
His thoughts are clear and his heart is clean
He is full of concern for everybody
And his writing let the critics judge
We, the family, love them
We know what they mean

And, in concluding these personal notes, I invoke Walter Artzt's own words, as the wish is extended . . . in good health until 120 . . .

פאַר דעם אַלטן שטייגער האָבן זיי דרך־ארץ. זיין שרייבן — זאָלן קריטיקער משפּטן, מיר, זיין משפּחה, האָבן עס ליב. מיר ווייסן וואָס זיין שרייבן באַטייט. זיינע ווייסע האָר, איז ווי אַ קרוין אויף זיין קאָפּ, זיינע געדאַנקען זיינען קלאָר, זיין האַרץ איז ריין. ער איז פול מיט זאָרג פאַר יעדן איינעם, באַזונדערס פאַר אידישקייט און פאַר אונדזער ליב לאַנד, ישראל״.

אין פאַרענדיקן אָט די פּערזענלעכע נאָטיצן פאַררוף איך זיך אויף וואָלף אַרצט׳ס אייגענע ווערטער, און אונדזער וואונטש ווערט אויסגעברייטערט מיט גוטן געזונט ביז 120 יאָר.

אויף מיין מצבה זאָל זיין פאַרשריבן!
דאָ ליגט אַ איד מיט אַ אידיש האַרץ,
געבוירן אַ איד, אַ איד פאַרבליבן,
זיין נאָמען איז וואָלף אַרצט.

דוב מאַנדעלבוים

"*Epitaph*

What I want on my tombstone written:
'Here lies a Jew with a Jewish heart.
A Jew born, a Jew he remained
His name was Wolfe Artzt.'"

The original Yiddish poem on each page is faced by an English translation, the efforts of many an admiring translator, including me. My teacher, the distinguished poet and man of letters, Mark Van Doren, posited two requirements for a translation: faithfulness to the original and good reading in the translated language. The reader is invited to relish what follows. However, there is the tradition of Yiddish translation of Shakespeare's plays which always had the line, *farteiched un farbesert,* "translated and improved." Nothing would please Walter Artzt more than hearing from devotees of Yiddish who may have a way of improving a translated word or phrase or line.

The Foundation for Future Generations committed to REMEMBERING the unparalleled tragedy of the Holocaust welcomes the opportunity to publish this volume of poetry. The first section, a Holocaust lament, followed by the celebration of life in Israel and wherever Jews live, are in keeping with the Foundation's basic purpose.

Elul 5749
September 1988

BERNARD MANDELBAUM

אַ וואָרט צו די לייענער

די לידער וואָס קומען אַריין אין אָט דעם בוך זענען במשך פון יאָרן געווען געדרוקט אין דער אידישער פּרעסע, און אַ צאָל לידער נאָך אין ערגעץ ניט־געדרוקטע. דאָס בוך איז צווייִשפּראַכיק: אידיש און ענגליש. מיר איז ניט געגאַנגען אינעם ענגלישן לייענער. מיר זענען איצט אין אַזאַ מצב, אַז ס׳פעלט אונדז דער אידישער לייענער, און אויב מיר זאָלן רעדן וועגן דעם יונגן לייענער איז דער סך־הכל — נול. און איך האָב אין אויג דערצו דעם מאָרגנדיקן לייענער, און ווער ווייס וואָס דער מאָרגן פון אידיש וועט זיין. די ענגלישע איבערזעצונג האָט נאָך אַן אַנדער מעלה. זי איז גוט פאַר די וואָס קענען שוואַך אידיש, און אויך פאַר די וואָס קענען שוואַך ענגליש: די פּאַראַלעלע טעקסטן וועלן זיי גוט אַרויסהעלפן אין זייערע ספיקות.

איך יאָג זיך ניט נאָך מאָדערנישקייט. איך שרייב אויפן אַלטן אידישן שטייגער. איך נוץ אויך גראַמען. גראַמען פאַרפעסטיקן דאָס ליד אין זכרון, און לאָזן זיך אויך צו זינגען. גראַם אַליין איז אַ מין שליסל צו מוזיק. און וואָס קען מאַכן גליקלעכער דעם מחבר, ווען אידישע בחורים און מיידלעך זינגען זיינע לידער!

דאָס בוך הייסט **יזכור.** מיר זענען אַ פאָלק פון אבלים. ניט נאָר די גרעסטעוועטע אידן פון אייראָפּע זענען פאַריתומט געוואָרן אין דער שואה, נאָר אַלע אידן אין דער גאָרער וועלט. מיר זענען אַ וועלט־פאָלק, און די שואה איז געווען אַן אומגעהייערער אידישער מאַסן־קבר — אַ אידישער וועלט־קבר. דער אַש פון די טויטע קלאַפּט אין אונדזער האַרץ. דער גרויסער אידישער דיכטער לייוויק האָט פאַראייביקט די שרעקלעכע תקופה אין זיין בוך לידער אונטערן נאָמען ״אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען״. איך בין אויך אין טרעבלינקע ניט געווען, אָבער ריכטיקער דאַרף מען עס פאַרשטיין, אַז טרעבלינקע איז אַריין אין אונדזער געמיט, אין אַלע אונדזערע רמ״ח אברים. מיר זענען אויף שטענדיק געבליבן טרעבלינקער, טרעבלינקע איז אין אונדז. און דאָס איז געווען מיין חוב צו זאָגן. פון דעם איז מיין קינה. פון דעם איז מיין ליד.

איך בין אַ אידישער דיכטער. דאָס וואָס איך זאָג אין אידיש, וואָלט איך אין קיין שפּראַך ניט געקענט זאָגן. עס איז דער עץ החיים, דער בוים פון לעבן און אויך די מראה זיינע די שיינע. איך בין פאַר אידיש. איך טו פאַר דעם, אַז אידיש זאָל אויף ווייטער לעבן

FOREWORD

Future generations should know how an American Jew lived through the European, indeed the Jewish catastrophe. My hope is that my children, grandchildren and great grandchildren—as well as all children in Jewish schools—will be able to read and understand my Yiddish, or its translation into English. This hope gladdens my heart. I avoided Hebrew words when they may not be understood, thus not demanding too much. I hope, too, that the Yiddish language of our parents will flower in the next generation which will not be oblivious of this heritage.

I long for the *shtetl* which the murderous Nazis destroyed along with the 6,000,000 Jews. It is no wonder that I weep. Unquestionably, the writings of Elie Wiesel are so important because he lived through the Holocaust. However, writing about the horror by an American should make its mark on the next generation.

The seed should grow into a giant oak tree. However, those who speak Yiddish are becoming fewer and fewer in number. Yet those throughout the world who love Yiddish are on the increase. Not knowing what the future will bring, we have to do everything possible to preserve the language and culture which are at our very roots. Studying a foreign language is a matter of the mind; Yiddish requires the heart and soul.

When the Nazi fiend murdered 6,000,000 Jews in Europe just because they were Jews, the entire world—including our own beloved America—was silent when the barbarians went on the march. The sun and moon were shining to give light for the murderous way—when Jewish men, women and children were led to the crematoria of gas. Heaven and earth, the free nations—all were silent. Living witnesses are getting on in years and disappearing. The new generation is absorbed in itself.

When asked "How long will you continue to weep?" my answer is: "As long as there is a breath of life in me." The memory of the flow of Jewish innocent blood is seared in my mind and my very bones. Can it happen again? The dark days of our tragic history give sufficient evidence that when there is a depression or other economic dislocation, Jews and Judaism are the scapegoat.

The youth of Israel is now studying Yiddish with enthusiasm. Hopefully, my deep dedication to the mission of Yiddish in Israel will show the way. We must strive to visit Israel, built with such sacrifice by the very hands of Jews; a place where genuine brotherhood exists as in a *kibbutz*. The Walter Artzt High School, built with my

און געדרייען. איך בין אויך פֿאַר ישראל, און ניט נאָר מיט ווערטער. און אין דעם איז ניטאָ קיין שום סתירה. איך און מיין ליבע פרוי, בעטי ז״ל, האָבן אויפגעשטעלט די ״אַרצט פרייע הויכשול״ אין דער געגנט פון יפו, וואָס ציילט 1,500 סטודענטן. זיי לערנען אידיש ביי די לערער פונעם בר־אילן אוניווערסיטעט. און דאָס מיינט ביידע זאַכן: אי המשך, אי קיום. דאָס מיינט וועלט־פאָלק אין זיין לאַנד, און די שפּראַך פונעם וועלט־פאָלק וואָס זיין היים איז די גאָרע וועלט.

אָט דער אידעע אידיש ווידמע איך דאָס דאָזיקע בוך.

דער מחבר

beloved Betty (z"l), has 1500 students who are also studying Yiddish, with teachers trained at Bar Ilan University. There is also a prize for the most outstanding school; Israeli youth is studying the language of their fathers and grandfathers.

Jews from various lands were united by the only common language which they had in the concentration camps—Yiddish. Many died with a Yiddish word on their lips.

This book will be sent as a gift to Jewish institutions and schools which want it. If I awaken some Jewish hearts, I will have been rewarded.

Before I leave this world—I am 85—I hope to see Yiddish flourishing in Israel and America. I have little hope for Russia, the only country where it is dying. While the blood of our catastrophy was still warm, the murderous Stalin and his band of barbarians came up with a new plan, as good as Hitler's: the elimination of all Jewish writers, artists—people of culture, the closing of the Jewish press, Jewish theaters, newspapers. Without such spiritual forces and literature, Judaism will inevitably perish. On August 12, 1952—already 36 years—Jewish people of culture were beheaded. Without its soul, the Jewish body is destroyed. Of the 3,000,000 Jews in Russia, more than half are completely unaware of anything Jewish. The number of Jews who want to emigrate to Israel or America is very small.

I dedicate this book to the Yiddish language. May it be the will of God and the will of the Jewish people to keep it alive.

WALTER ARTZT

דער חורבן — שואה

I

THE HOLOCAUST

יזכור

מיין שטעטל אויס, שוין לאַנג נישטאָ מער,
אָפּגעווישט, אויסגעמעקט פון דער מאַפּ;
בלוטיקט מיין וואונד, דער ווייטיק איז שווער,
כאַטש כ׳טראָג זיך מיט אימפּעט אין לעבנס־גאַלאָפּ.
באַשערט מיר צו וואַנדערן אין ווייט־ווייטע לענדער
און הערן טאָג־טעגלעך געיעג און געשריי,
נאָר כ׳קען ניט פאַרגעסן די מערדער און שענדער
נאָר כ׳קען ניט פאַרהיילן מיין וואונד און מיין וויי.
כ׳זע פרום־שטילע טויבן, מיין שוועסטער, מיין מאַמען
פּעדערן פליקן אין ווינטער צוזאַמען.
אין אָוונטן שפּעטע זיי ציען אַ ניגון,
וואָס טוט מיך נאָך איצטער אין לאַנד, דאָ פאַרוויגן.
שוין פיר צענדליק יאָר פון מיין שטעטל אַוועק,
גענומען אַ קישן אין ווייט־ווייטן וועג.
כ׳געדענק ווער ס׳האָט דעם קישן דעם וויכן געמאַכט,
חלום איך און וויין אויפן קישן ביינאַכט.
אין חורבן געפאַלן משפּחה און פריינט.
די הימלען געשפּאָלטן מיט שרייען: ״העלף! העלף!!!״
מ׳ר האָבן דעם רוף נישט פאַרנומען ביז היינט,
ביז ס׳האָט געשלאָגן די לעצטע שעה צוועלף.
די שעה פון פאַרלענדן דאָס אידישע פאָלק.
פאַרברענט און געשאָכטן ווי שאָף און ווי רינד,
און מיר אין די ווייטן געלעבט אָן אַ טאָלק —
זיצן מיר שבעה פאַר נעכטיקע זינד.
פאַרגעסן די ליבסטע — ווי קען איך, מיין פריינט?
זיי זיינען געפאַלן פון שרעקלעכן פיינט.
וואַרט אויף מיר, ליבסטע, און לאָזט מיך נישט אָפּ!
מיין וועג, זע איך, שפּרייט זיך צו אייך באַרג־אַראָפּ.

REMEMBER!

We owe the Martyrs of the Nazi beast more than a memorial candle and a tear.
Every country in the world owes them a Holocaust Memorial and to be
remembered every year.
Even more, their memory must be seared in every human soul,
The Jews who perished, of blessed memory, an unparalleled, barbaric human toll!
Never relieved of this burden, I will always remember the pain
Of those tortured unto death, hoping for the world's help, in vain.
As long as I live, the memory of the Martyrs will be sacred to me.
Of the anguish that 6,000,000 were massacred, I can never be free.
Our blood must seethe for generations: Remember!
How they were killed in disgrace and with laughter:
"Where is your God?"

There is none! There is none! There is none!
Though the heavens were raided, no answer came from the Only One.
Did Jews understand, in their last hours, why women and children died?
As long as I breathe I will write in blood and may it, my tears, the tears of my
martyred brothers never be dried!

אַ שוואַרצער בלאַט

פאַרוואָס איך שרייב? אום נישט צו פאַרגעסן אונדזער חורבן,
אויב איר זענט מיד פון מיין קלאָגן,
פון מיין בענקשאַפט, און ישראל זאָרגן?
אויב נישט צו אייך, וועמען זאָל איך דאָס זאָגן?

ווערטער קענען נישט דערציילן די ווילדקייט,
זאָלן קומענדיקע דורות וויסן, וואָס איך קלער,
דער געשריי אויף דעם וועג צום גאַז־אויוון,
איך וואונדער! האָט גאָט דאָס געהערט?
ווען איך קען אַ נייע שפּראַך,
וואָס איז נישט מענטשלעך, נישט פאַרפּלאָנטערט אין גלויבן,
אפשר מלאכים וועלן דאָס פאַרשטיין,
דער געשריי פון קינדער און פרויען צום גאַז־אויוון.
איך בין געווען דאָ אין אַמעריקע, אין דער צייט פון אייער אויסגיין,
קיינער האָט געגלויבט אַז היטלער וויל אויסמעקן די אידישע מאַסן,
די וועלט האָט געשוויגן, האָט נישט געקענט פאַרשטיין,
דערווייל האָט היטלער געזיגט, פּרעדיקן שמוץ און האַסן.
צו די אומגעקומענע קען איך נישט ריידן,
אָבער דאָס אידיש פאָלק אין יעדן לאַנד,
זאָל וויסן, אַז די דייטשן, האָבן סם פאַרשפּרייט
איבער דער וועלט, באַזונדערס אין פּוילן און רוסלאַנד.
פיל מאָל וויל איך וויסן וועגן די רעשטלעך אין פּוילן,
אַנטיסעמיטיזם האָט דאָרטן געבושעוועט אַלעמאָל,
עס קען זיך קוים גלויבן.
לאָמיר אָרגאַניזירן, ווער עס וויל זאָל קענען פאָרן קיין ישראל.
אַ פּוילישע שטאָט, אין יאָר ניינצן זעקס און פערציק,
אין אַ פּוילישן פּאָגראָם צוויי און פערציק אידן אומגעבראַכט.
עס איז נישט געווען גענוג 3 מיליאָן אידן פאַרצוקט.
אין פּוילישער געשיכטע אַ שוואַרצער בלאַט.

A BLACK PAGE

Why do I write that we must Remember the Holocaust?
If you are tired of that, of this, I write the most,
About my longing and about the people of Israel about whom I worry.
If not to you, to whom else can I this message carry?

Words cannot describe the madness.
Future generations must know of our sadness
About those who were consumed in chambers of gas.
I even wonder whether God has heard the agony through which our people did pass.

Would that I could find new words to tell
About the inhumanity, which could also unravel my doubts which makes me want to yell!
Perhaps the Angels will understand
The pain and lament of children and women who in the crematoria did stand.

I was here in America, during the time that you died.
Everyone thought that those who said Hitler seeks annihilation of the Jewish people, lied.
The world was silent and many just couldn't comprehend
While Hitler was scoring victories, spreading filth and hate, to bring Jews to our end.

I cannot address my words to those who exist no more.
But people, in the future, in every land must know the score.
About the poison which Hitler spread all over the world.

Especially in Poland and the Soviet Union where there is antisemitism untold.
I often wonder about those remaining in Poland, where hatred of Jews always existed.
It is hard to believe that such evil was never resisted.

Let us put our house in order,encourage those who can go to Israel.
For as recently as 1946, the Polish city of Kolezia, there was a pogrom to massacre all.
They were not satisfied with having destroyed 3,000,000 of our people of every age.
Indeed, with the history of Poland this is such a Black Page.

אידיש

אונדזער ליכטיקע אידישע שפּראַך,
כ׳וועל דיך צו מיין קבר טראָגן.
מיינע גייסטיקע כוחות אמת און ריין.
כ׳וועל נוצן מיין פאָלקס־שפּראַך,
ווי לאַנג דאָס לעבן וועט דויערן.
אויב מיין ליד האָט ניט דעם פאָלקסטימלעכן חן.
כ׳האָב אין גלות שיר מיין ליד פאַרלאָרן.
און ווען רציחה און זנות
וועט ווערן דער טעגלעכער סטיל,
דאַן וועל איך, מיט גרויס פאַרדראָס
פאַרשווינדן מיט פיין אין דער שטיל.
ווען גרויסע פרייזן וועט מען געבן דעם זינדער,
און אידיש וועט מער קיינער פאַרשטיין,
וועל איך ווייזן דעם וועג צו הערצל׳ס קבר.
ווייל אויף קבר־אבות ווייס איך וו׳ין צו גיין.
דער אַש פון אונדזערע קרבנות אויף דער וועלט צעשפּרייט.
מיט אַ זאַק אויף מיינע פּלייצעס נישטערן וועל איך אַמאָל.
נחת וועל איך נאָך געווינען.
צו וואַנדערן בין איך גרייט. צו דיר מיינע רעשטלעך
אין אונדזער ליב לאַנד ישראל.

YIDDISH

Our bright Yiddish tongue—
I shall carry you to my grave.
All my strength and my skill
I shall give my folk tongue,
For as long as I live still.

If my song lack folk charm
I had almost lost in Golus my song.
And should violence and lust
Become our daily food,
I shall with distaste
Vanish with haste.

When the prizes go to the sinner,
And when Yiddish is no longer understood,
I shall show the way to Herzl's grave—
To our ancestral graves I know the way.

The ashes of our martyrs are spread all over the world.
With a sack over my shoulders I shall sift through it all day by day.
I am prepared to go again wandering
Through our dear Land Israel.

משיח

ווער האָט פאַרבונדן דיינע הענט, משיח?
די אייזערנע קייטן שוין מסתמא פאַרזשאַווערט.
ווער קען דען דיין אָרט פאַרנעמען?
דיין פאָלק פאַרצוקט אין גלות.
ווי גאָט האָט אין אונדז פאַרגעסן.
איינגעזאַפּט אין דער ערד מיין פאָלקס בלוט.
אפשר דער יאָך צו טראָגן איז דיר שווער?
אפשר אין אַ נאַצי־פייער פאַרברענט?
אפשר דערשטיקט אין די גאַז־קאַמערן?
איז מעגלעך, אַז קיינער האָט דיך נישט דערקענט?
פאַר שאַנדע האָסטו דיין געשטאַלט געענדערט?
און אפשר ביסטו אויף אַן אַנדער פלאַנעט פאַרשוואונדן?
האָסט נישט געקענט פאַרנעמען די וועלט,
פול מיט רציחה און מאָרד?
דיינע טרערן פאַלן אויף אידישע וואונדן.
אפשר האָט מען דיך פאַרברענט אין וואַרשעווער געטאָ?
איז מעגלעך, מיר וואַרטן אומזיסט אויף דיר?
איך פרעג דיך און פרעג אָן אַן עק,
גרויס און פינצטער איז מיין שרעק!

MESSIAH

Who tied your hands, Messiah?
The iron chains have turned to rust.
Like Ben Joseph many would change places with you.
And you hang on the cross, as pretenders must.
Your people perished in exile, leaving no trace.

Carrying the yoke is hard, I knew.
They may have mistaken you for some other Jew,
To watch how Jewish blood from the knife can flow.
Our blood has soaked the ground.
Can it be that no one has recognised you?
Making you a mockery, a different man.

Or did you vanish on another planet?
To escape this world's murderous lie?
You wander around head down, or in the air.
Your tears fall on Jewish wounds, everywhere.
We are drowned in your tears!
Can no one here have recognised you with your pain?
Can it be possible that we wait in vain!

צו מיין פאָלק

איך יאָג מיט אַ שטאַרקן געראַנגל,
באַלד וועל איך די ענדע דערגרייכן.
איך שעם זיך נישט, וואָס מיינע טרערן
רינען אָן אויפהער, ווי אַ רוישיקער טייך.
איך וויל נישט אויסלעשן מיין פליקנדיקן פלאַם.
מיין ציל איז — אַריבערשווימען דעם ים
און גרייכן דעם ברעג פון ליכטיקן שלום.
פאַרגעסן פיינט, ווי אַ ווילדע חיה גערייצט
אויף מיין באַליבט פאָלק.
פאַרצוקט האָט דער פיינט זעקס מיליאָן נפשות.
איר גלייבט נישט? ס׳איז אוממעגלעך?
אַלץ איז פאַרשריבן פאַר ווייטערע דורות.
אַלע מאָל דערמאָנען וועל איך אייך, מיינע ברידער.
פאַרגעסט נישט, באַשיצט אונדזער לאַנד ישראל.
ווער וועט דערשיינען, ווער וועט ענדיקן
מיין נישט־געענדיקט ליד?
אויב איר׳ט פאַרגעסן, וועט דער גוי אייך דערמאָנען.

TO MY PEOPLE

I rush with a dreadful struggle.
Soon I shall come to the end.
I feel no shame for my tears.
What is broken, can we mend?

My tears run like a river.
They must not extinguish my flame.
I want them to light the road.
That is my aim.

My aim is to reach the shore,
Towards which I strove,
To bring light and peace
To the people I love.

Six million of my people
The enemy destroyed.
Their names are all recorded,
All saved from the void.

For generations to come,
Remember them, my brothers.
Remember your fathers,
Your sisters, your mothers.

And remember Israel, our land!
Who will end my song
That I leave unfinished?
Remember the Nazis! Their hate is undiminished!

אונדזער צער

עס פעלן ווערטער פאַר אונדזער צער.
אידן צעזייט איבער דער גאַנצער וועלט,
עס גלויבט זיך קוים, אַז גאָט האָט אונדז דערוויילט,
דערנאָך אָן רחמנות אונדז פאַרשאָלטן.
פאַרוואָס? פאַרוואָס? אפשר דערפאַר,
ווייל מיר האָבן מער מוט, מער טרערן, מער גלויבן?
דערפאַר פאַרשאָלטן פאַרמשפּט?
ווער? ווער האָט זיך פאַרזינדיקט?
די נאַצי־מערדער האָבן פאַרכאַפּט דעם אויבנאָן.
די הערשער און די מערדער האָבן אויך געשאַפן.
וואָס האָבן אונדז מיט חוזק דערמאָרדעט.
זעקס מיליאָן...

איך טראַכט וואָס איז בעסער,
צו זיין א שעפעלע, א קרבן צו אונדזער האַר?
אַ מבול פון קללות אויף אונדזערע קעפּ!!
ווען, אָ ווען וועסטו אונדז באַפרייען?
פון גלות און פון צער...

זעט אונדזערע, מצבות אויף טראָטואַרן
ליגן אויף די פּוילישע גאסן,
מיט די הייליקע אותיות אַרויף.
די פּאָליאַקן מיט אומריינע פיס אויף זיי טרעטן
זיי שמייכלען... זיי קענען נישט לייענען,
ווי בלינדע וואָס טאַפּן מיט די פינגער.
וואוהין גייט מען? אַלע וועגן פאַרמאַכט,
פאַרברענט און פאַרניכטעט די היים פון אַמאָל,
אפשר מיט כישוף וועסטו אונדז באַפרייען,
לאָז אונדז אין דורשט דיין קול דערהערן,
גיב אונדז כוח צו באַשיצן אונדזער באַליבט לאַנד ישראל.

ניין, ניין! מיטאָר נישט פאַרגעסן טרעבלינקע, וואַרשע־געטאָ, באַבי־יאַר
און אַנדערע לאַגערן פון מאָרד.

OUR SORROW

We have no words enough for our sorrow,
Jews, scattered all over the world—
We can't believe that God chose us,
Then pitilessly put on us a curse!
Why? What for? Perhaps because
We have more bravery, more tears, more faith.
For that we were cursed, condemned.

Who? Who is the sinner?
The murderous Nazis have climbed to the top.
What have you done?
The rulers and the murderers.
You have made them both,
Those who mocked us as they murdered us . . .
Six million . . .

Which is better, I ask myself—
To be a lamb, a victim to our Lord?
A flood of curses on our heads?
When? When will you free us
From exile and from distress?

See how our gravestones they have made paving stones
Laid down in Polish streets,
With the sacred letters uppermost!
The Poles tread on them, with unclean feet,
Smiling, because they can't read the epitaphs,
Groping like the blind, with their fingers.
Where do we go? The roads are closed,
Our old home is burned down, destroyed—
Isn't this worse than hell?
Perhaps your magic can free us?
Let us who thirst hear your voice!
Give us the strength to defend our only hope, Israel—
And we may with longing perhaps, perhaps forget!
No! No! We must not forget Treblinka, Warsaw Ghetto, Babi Yar,
And the other death camps—

זעקס מיליאָן אידישע קרבנות, עס איז קוים קלאָר...
אידישע קערפּערס אין אַש פאַרוואַנדלט.
מ'האָט צעשמאָלצן גאָלדענע ציין.
די יוגנט גלויבט קוים: איז דאָס וואָר?!?
תחיית־המתים וועלן זיי אויפשטיין?
נישטאָ מער אונדזער שיינע שול.
אַכצן ספר־תורה'ס האָבן מיר געהאַט.
הייליקער פאַרמעט, הייליקע קערפּערס אין אַש פאַרוואַנדלט.
נישטאָ מער יום־טובים,
פאַרבליבן נאָר טרויער און קלאָג אָן מאָס.
אויפן בית־עולם וויינען דיביימער אין שרעק.
פאַשען זיך פערד און בהמות אין טויאיקן גראָז.
וואָס איז געבליבן און וואָס וועט פון דעם ווערן?
אונדז דריקן און שטיקן קוואַלן פון טרערן,
איך בין גרייט צו זיין אַן עדות אָן מורא
ביים אויבערשטן געריכט,
כ'בין גרייט צו גיין אויפן רוף צום דין־תורה.

Six million Jewish victims,
Jewish bodies burned to ash.
Gold teeth melted down—
Young people can't believe it! Is it true?
On Resurrection Day will they rise again?

For us there are no festivals.
In the graveyard the frightened trees are weeping,
On the grass graze horses, cows, goats,
What will remain, and what will be made of it?
The tears choke us in our throats

I am ready to appear as a witness
before the Court of Judgment on High
Against the murderers and their murderous iniquity!
How can I free myself?

I constantly hear the women's and children's cry.

פוילן היינט — מאָרגן ווער?

ווער קען פאַרשטיין דעם גראַנגל פון זיין.
די אַנטוישונג פון דעם ערלעכן מענטש,
סאָציאַליזם — בונדיזם — און קאָמוניזם?
ווען און וואָס קען היילן אונדזער פיין?
איצט אין פוילן וואו אַרבעטער אַנטזאָגן זיך צו אַרבעטן.
אין אַ לאַנד פון אַן אַרבעטער־רעגירונג,
ניטאָ גענוג אידן אויף וועמען די שולד צו טרייבן,
עס איז אַ נייער שוואונג, אַ נייער גראַנגל,
זאָל דער אידן־פיינט, גענעראַל מאָטשאַר,
איבערנעמען די רעגירונג, וואָס האַלט דעם אַרבעטער ביים גאָרגל,
עס זאָל חלילה ניט אַ שטאַרקן ברום טאָן דער רוסישער בער.
נעכט זיינען שלאָפלאָזע, פיל מאָל איך טראַכט,
ווער זיינען די וועלכע נוצן געוווער אָדער אַ שטריק?
וויפל קרבנות פאַרשווינדן בייטאָג און ביינאַכט,
וויפל ווערן פאַרלוירן און פאַרצוקט!
בעטן רחמים פאַר זיי וועט נישט העלפן,
ווי לאַנג איך קען, וועל איך פאַרהיטן און זאָגן,
מיר איז נאָר איין געוווער פאַרבליבן,
מיין פראָטעסט זאָל מיין ווילן צו אייביקייט טראָגן.

POLAND NOW—WHO NEXT?

Who can make sense of the struggle of Being,
The disillusion of the honest man?
Socialism, Bundism, Communism—
Who and when can heal our pain?

Now Poland, where workers refuse to work
In a land where the workers command—
They haven't enough Jews left to blame.
So there is a new struggle on hand.

Should General Moczar, who hates Jews,
Come to be the man in power?
He holds the worker by the throat,
Lest the Russian Bear comes down with a roar.

In sleepless nights I keep thinking,
Who are these with guns and rope?
How many yet will be destroyed,
Slaughtered without hope!

No pleading of mine will be listened to!
How long can I repeat my one and only prayer?
I have only one weapon left to me,
My protest to Eternity!

חבר פון מיין יוגנט

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ דיך צו אייביקייט באַגלייט.
מיין חבר — חבר פון מיין יוגנט...
געפאַלן פון בוים איז אַ נעסט.
דיין פרוי און קינדער אין נאַצי־גאַז־אויוון פאַרברענט.
דיין לעבן האָסטו נישט ליב געהאַט.
זינט דעם חורבן, פון אַלעמען אָפּגעשיידט, דאָ אויף דער ערד.
ווי פון אַ בוים פאַלט אַראָפּ אַ בלאַט.
פאַרדאָרבן, פאַרוויאַנעט עס ווערט.

דיין גאָט און שווייגן מיט זיך מיטגענומען,
באַנטשע איז אויך אַזוי אַוועק.
ער האָט פאַרלאַנגט, געזוכט גאָרנישט.
און דו ווילסט דיין פרוי און קינדער געפינען?
אין הימל וואָס רופט צו רוימען?
דיין פאַרלאַנג איז געווען טיף פאַרבאָרגן אין דיר.
כ׳האָב נישט געוואָלט צעשטערן דיינע טרוימען.
כאָטש כ׳האָב געוואוסט דעם פינצטערן אמת.

שוואַרץ איז איצט דער הימל, איינגעדעקט מיט וואָלקנס.
איך ווייס דעם יאָך וואָס דו האָסט געטראָגן.
אין אַ וועלט וואָס גאָט האָט פאַרשאָלטן.
שטיל און פאַרבאָרגן וועל איך קדיש זאָגן.

FRIEND OF MY YOUTH

We stand with bowed head, while you pass into Eternity,
My friend, comrade of early years
A nest has fallen from the tree.
Your children, and your wife
The Nazis cut short their life
In the gas chambers.

You had no love for life
After the Churban.
You kept out of everyone's way,
Not to show your grief.
Like the earth when from the tree
Falls a leaf.

Your God and silence you took with you when you left,
Bunche also went like that without a trace,
But you are asking for your wife and children back?
You called on heaven, you spoke to space?
But I knew better,
I did not want to disturb your dream, your heartache,
I knew the dark truth, I swallowed it for your sake.

I know the yoke you had to bear
In this world that has no worth.
The earth that God has cursed.
I shall creep silently away,
And say Kaddish; pray.

לערנט, קינדער, לערנט

מיט שווערדן האָבן די נאַציס העלדזער געשאָכטן.
עס ציטערט מיין האַנט צו שילדערן דעם גרויל,
איך מוז זיך שטאַרקן, דאָס ווייסט איר וואויל.
שעפּטן אידן צו שפּאָרן אַ קויל.

אַ פאָלק איז דערמאָרדעט, געשוויגן די וועלט.
א-ל מלא רחמים זאָג איך, ציטעריק און שטיל
פאַר די אידן דערטרונקענע אין דאָבראָמיל.
די שטאָט איצטער וואָיעט, דער ווינט שעלט.

פאַרברענט איז די דאָבראָמילער שול,
געבליבן די שטיינער, עס דאַכט זיך, זיי וויינען.
פאַרברענט דאָס שטעטל. מיר, די געבליבענע
אויף שטענדיק דעם וויטאָג מוזן מיר טראָגן.

אויף אייביק צו לערנען דעם קומענדן דור.
דערמאָנען און אַ וואָרענונג זאָגן
צו אַלע פיינט און פריינט:
זעקס מיליאָן אידן האָבן די נאַציס אומגעבראַכט.

דאָס וועט זיי מער ניט געלינגען!
דערפאַר דאַרפן מיר אַ שטאַרקע ישראל.
איך שלייף ניט מיין פעדער
צו לויבן אַ קולטורעל "הערנפאָלק".

מיך מאַטערט — ווי אַזוי האָט עס געקענט פּאַסירן?
מיך מאַטערט אַ געדאַנק: ווי אַזוי האָט איינער
געקאָנט אַ גאַנץ פאָלק פאַרפירן?
טראָגן אייביק וועל איך צער און צאָרן,
וואָס פון מיין ליב אידיש פאָלק איז געוואָרן.

LEARN, CHILDREN, LEARN

The Nazis with their swords slit Jewish throats.
O how the words stick in my gullet!
My hands shake as I write the words.
The sword saved them a bullet.

The Jewish People were slain in masses.
And the world was silent. So let me cry,
Let me repeat the Memorial Prayer
For the Jews of Dobromil who at Nazi hands had to die.

They burned down the Dobromil Synagogue,
They burned down our whole Jewish town.
We who survived weep for our kindred
Who were flung in the river to drown.

This is something for every Jew to remember—
Six million Jews the Nazis slew.
Never forget this, never forgive it—
Remember it always, each and every Jew!

Thank God we now have Israel,
A powerful State that will Jewish lives defend.
But always, always we shall remember
Our grief and our anger that will never end.

שיין איז דער זומער

שיין און פּרעכטיק איז דער זומער,
ווי אַ חלום אויף דער וואָר!
פעלד און גערטנער רייף צעבליטע —
שפּייז גענוג אויף אַ גאַנץ יאָר.

און דער הימל בלוי און לויטער
קוקט אַראָפּ אויף אונדזער ערד
און ער זעט ווי פּרוכטן־ביימער
נייגן צווייגן טיף באַשווערט.

אַלע שולן צוגעשלאָסן,
זענען קינדער אויף דער פריי,
זינגען, שפּרינגען זיי און טאַנצן,
לעבן פריידיק איז כדאי.

קוק איך אויף די ליבע קינדער
און איך פיל אין אויג אַ טרער:
פון דערמאָנונגען פון טריבע,
ווי אַ שטיין מיין האַרץ מיר ווערט.

איך דערמאָן זיך, אידישע קינדער
האָט דער שונא אומגעבראַכט
און פאַרוואַנדלט אַלע טעג זיי
אין אַן ענדלאָז־שוואַרצער נאַכט.

SUMMER IS BEAUTIFUL

Summer is beautiful,
Like a dream come true here—
Gardens and fields all ripe.
Food enough for the whole year.

The schools are all closed.
The children run free,
Playing and singing,
Living happily.

I watch the children,
And my eyes fill with tears,
Thinking of all the children
Butchered in the Churban years.

I think of the Jewish children
Killed in the Nazi blight
That turned all our days
Into black night.

עפן דעם הימל

איך שעם זיך ניט מיט מיינע טרערן.
דער אידישער חורבן פאַרלאָזט מיך ניט.
אידישע קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ,
אויסגעהונגערט, פאַרבלוטיקט, פאַרפייניקט,
אָבער מיט מסדה־גייסט אין זייערע נשמות.
מיט בר־כוכבא־קראַפט אין זייערע הערצער.
געדויערט דער קאַמף צוויי און פערציק טעג.
דער נאַצישער אָנגרייפער, טויט דערשראָקן
פון אידן־גבורה...
דעם העלדישן קאַמף וועלן מיר געדענקען.
געדענקען וועלן מיר די מסדה־קעמפער.
טרוים פאַר נקמה, לדור־דורות!
די קומענדיקע דורות זאָלן דעם יאָד אויף אייביק טראָגן.
נישט פאַרגעסן זעקס מיליאָן אידן, פאַרברענט ביז אש.
פיל מאָל אין יאָר זאָגן.
יתגדל ויתקדש!

OPEN THE SKY

I am not ashamed of my tears—
Through the tear-stained years,
The thought of the Churban
Never leaves my mind.

The Bar Kochba spirit
Is always with me, before and behind.
The Massada spirit is like a tearing storm-wind,
For 42 full days, all over, heart and mind,

Our Jewish Rising against the Nazi hordes,
Against our Nazi overlords,
We Jewish Ghetto fighters,
Avengers of wrongs, of wrongs Stern-Righters.

We remember our six million murdered Jews—
The Nazi gas chambers, J'Accuse!
Six million Jews burned to ash
In the gas chambers—
Yisgadal ve-Yiskadash!

41 יאָר וואַרשעווער געטאָ

שוין 41 יאָר, וואַרשעווער געטאָ האָט געקעמפט ביטער און שווער,
16טער מאַי, 1943, דער באַריכט פון הימלערן ימח שמו;
דער אידישער קוואַרטאַל אין וואַרשע עקזיסטירט נישט מער,
פאַרשיקט די פאַרבליבענע צום טרעבלינקער טויטן־לאַגער.

דער פאַקט האָט דערגרייכט די גאַנצע וועלט,
19טער אַפּריל 1943, דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ,
אַוועקגעריסן קינדער פון זייערע מוטערס, וואָס קען זיין ערגער?
די גאַנצע וועלט האָט געשוויגן, נישט געגלייבט. געבליבן גלייכגילטיק.

ווי קען דאָס פּאַסירן? געלערנטע מענטשן ווערן מערדער?
די נאַציס האָבן 600 רוחות און 6 טאַנקען פאַרלוירן,
מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום הימל — פאַרמאַכט אַלע טויערן,
גאָט אַליין האָט זיך וואו ערגעץ פאַרלאָרן.

ווי קען דער אמת זיין מער קלאָר און בולט,
ווי קען זיין מענטש פאַרפירן אַ גאַנץ פאָלק,
איז דאָס איבערשטע שרייבן אַ זינד?
עס איז געשריבן מיט בלוט, אָנשטאָט מיט טינט.

41ST ANNIVERSARY OF THE WARSAW GHETTO

Forty-one years since the Warsaw ghetto fought hard and bitterly.
The judgement of Himmler—16th of May 1943—
That the Warsaw ghetto ceases to be—
Send those remaining, and his message was clear,
To the death chambers of Treblinka, words for all to hear.

19th of April 1943 the Warsaw Ghetto uprising was started!
They had been tearing mothers from children, what could have been worse?
 more cold hearted?
Yet the world remained silent, no protest was heard,
Disbelieving, in unknowing innocence, no one uttered a word.

How could this happen? Educated people commit murder
And carry insane hatred ever further and further?
Yes, and it cost the Nazis 600 soldiers and 6 massive tanks
To break the Jewish resistance and finally destroy their ranks.
With outstretched hands to heaven, in utter despair,
But all doors were closed to them, even God was lost somewhere.

How can truth be clearer, or more brutal the deed?
How could one man an entire nation mislead?
And if what I said of God seems to be a sin,
It is because it is in blood, not in ink, my words are written in.

פאַרגעסט ניט

איך יאָג מיט אַ שטאַרקן גוראַנגל.
באַלד וועל איך די ענדע דערגרייכן.
איך שעם זיך ניט, וואָס מיינע טרערן
רינען אָן אויפהער, ווי אַ רוישיקער טייך.
איך וויל ניט אויסלעשן מיין פליקנדיקן פלאַם,
מיין ציל איז — אַריבערשווימען דעם ים
און גרייכן דעם ברעג פון ליכטיקן שלום.
פאַרגעסן פיינט, ווי אַ ווילדע חיה גערייצט
אויף מיין באַליבט פאָלק.
פאַרצוקט האָט דער פיינט זעקס מיליאָן נפשות.
איר גלויבט ניט? ס׳איז אוממעגלעך?
אַלץ איז פאַרשריבן פאַר ווייטערע דורות.
אַלעמאָל דערמאָנען וועל איך אייך, מיינע ברידער.
פאַרגעסט ניט, באַשיצט אונדזער לאַנד ישראל
ווער וועט דערשיינען, ווער וועט ענדיקן
מיין ניט־געענדיקט ליד?
אויב איר׳ט פאַרגעסן, וועט דער גוי אייך דערמאָנען.

REMEMBER

I rush with a dreadful struggle.
Soon I shall come to the end.
I feel no shame for my tears.
What is broken, can we mend?

My tears run like a river.
They must not extinguish my flame.
I want them to light the road.
That is my aim.

My aim is to reach the shore,
Towards which I strove,
To bring light and peace
To the people I love.

Six million of my people
The enemy destroyed.
Their names are all recorded,
All saved from the void.

For generations to come,
Remember them, my brothers.
Remember your fathers,
Your sisters, your mothers.

And remember Israel, our land!
Who will end my song
That I leave unfinished?
Remember the Nazis! Their hate is undiminished!

פאַרבלוטיקעטע הענט

אין אַ ציוויליזירטער וועלט...
מאָסקווע, קרעמל, וואו גערעכטיקייט איז נישט פאַראַן,
האָטווידער געצייגט איר קאָליר און געשטאַלט;
אין אַפגאַניסטאַן — איצט אין איראַן.
די צוקונפט איז אין אַ קאָנוואולסיע — אַ נייער סימבאָל.
שווער צו פאַרשטיין די קאָמוניסטישע שנאה צו ישראל.
האָבן זיי דאָס פון היטלערן געירשנט?
אין יענעם לאַנד האָבן אידן די פרייהייט פאַרלאָרן,
וואו איציק פעפער און אַנדערע שרייבער און פּאָעטן
האָבן אונטער פאַרשלאָסענע טויערן
אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם, די הענט אין פאַרשלאָסענע קייטן.
עס בושעוועט די וועלט, דער טומל איז גרויס.
פאַר אונדז זע איך די צוקונפט־קאַטאַסטראָפע, אָן קאָנטראָל.
גלות־אידן קענען אויסלעבן זייערע פאַרבליבענע יאָרן
נאָר אין אונדזער ליבן לאַנד ישראל.
סאָוועט, סאָוועט, אַנטפּלעק דיין סוד.
איך קען דיך קוים פאַרשטיין.
סאָוועט, ווער אַ גוטער סאָציאַלער שליח.
לאָז מיין פאָלק גיין!!!

BLOODY HANDS

In a civilised world—
Kremlin, Moscow where Justice is not found,
Has again shown its colour and shape,
In Afghanistan, in Iran,
The Future is shaken, convulsed.
Hard to understand the Communist hate of Israel.
A heritage from Hitler?

In that land Jews have lost their freedom.
There Itzik Feffer and other writers and poets
Were put to death behind locked doors,
Their hands in chains.
The world is in turmoil, in tumult.

Our Future as I see it is a catastrophe,
Out of control.
Diaspora Jews can live their remaining years
Only in our dear land Israel.
Soviet, Soviet, reveal your secret.
I can hardly understand you.
Soviet, become a bearer of good tidings—
Let my People go!

לשנה הבאה בירושלים

שטאַרק און שאַרף וועל איך האַלטן מיין כלי־זיין, און האָף.
מיט געבעט דאָס קיינמאָל ברענגען צו נוץ,
ווי אַ חלום וואָס דויערט אָן אַ סוף,
שלום וועט ברענגען צום סאָלדאַט — שטאָט און קיבוץ.

מיט דורשטיקע אויגן וועל איך דיך היטן,
אין מיין תפילה יעדן טאָג, ווי אַ געטרייער שומר,
און פאַרוואַנדלען דיינע וואָכעדיקע טעג אין אַ יום־טוב,
מיט אַ וואונדערלעכן האַרציקן צויבער.

איך געדענק דעם הייליקן אידנס באַגער און שטים,
געפאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק,
ביים עמוד געבעטן מיט טרויער,
יעדן פסוק אויסגעלאָזט לשנה הבאה בירושלים.

אים מיט זעקס מיליאָן אידן אין גאַז־אויוונס דערשטיקט.
איך זע זיי אין ירושלים, אין תל אביב,
מיליאָנען פול מיט גאַף און צויבער,
קיינער זעט זיי ניט,

זיי פליען אין דער לופטן.
אין שטילקייט פון גאָט.
אויף בערג, טאָלן און ביימער,
תשעה־באָב ביי זיי יעדן טאָג,

איך זע, זיי אַלע האַלטן הענט אין אַ רונדער קייט,
אין כאָר אַלע ווי איינער זינגט,
און דער זיידע פאַרטייטשט און זאָגט:
„זאָל קיינער חלילה פון דער קייט צעברעכן אַ רינג״.

NEXT YEAR IN JERUSALEM

I shall sharpen my weapons.
And pray I need never use them.
Like a dream that has no ending,
I dream an eternal peace dream.

I shall guard you jealously.
I shall pray for you every day.
I shall turn your weekdays to festivals.
Let my dream come true, I pray.

I hear my grandfather praying.
He fasted each fast day, and prayed.
He prayed that God may have Mercy.
"Next Year in Jerusalem!" he said.

With the six millions others they burned him.
I see them all in Tel Aviv now,
Walking the Jewish streets, proudly.
Yet no one else sees them go.

They ride in the air above me.
They have risen up to God.
They walk over roofs and mountains.
I saw them where I stood.

I see them now in a circle.
All together I hear them sing.
And my grandfather keeps saying,
For God's sake, don't break the ring!

דער קיום פון מיין פאָלק

צרות! מיר זענען שוין צוגעוואוינט,
אַטאַקעס אויף מיין פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט,
מיר מאָביליזירן אונדזערע כוחות.
פאַר אייער בלוט קויפן מיר זיך אויס מיט געלט,
שוין פערציק יאָר, נחת האָסטו נאָך נישט געהאַט,
ווי אַ העלד כאָטש אומרואיק קעמפסטו אויף אַלע זייטן,
פון דיין בלוט דער שונא ווערט נישט זאַט,
דו ווילסט ניט. און זאָלסט זיך ניט בייטן.
פילע פון דיינע ברידער זענען מיט עפּעס אַנדערש פאַרנומען,
כאָטש דו ביסט מיט שונאים אַרומגערינגלט,
אין וועלט־געשיכטע אַלס גבור פאַרשריבן ווערן וועט דיין נאָמען.
And if everything there is well
I bless God, gratefully.

So I am back
With my children and my wife,
And no man is more happy
Than I am with life.

מיין מאַמע

ווי שווער ס'איז צו זען ווי דיין מאַמע שטאַרבט!
שווערער נאָך באַגלייטן דיך צו דיין אייביקער רו.
די היים ווערט פוסטער מיט שווערן פאַרלוסט.
מיין טרייסט — דיין ליכטיק פּנים וועט שטענדיק זיין דאָ.

שטאַרק וועלן מיר נאָך דיר בענקען
דיין פאַרגאַנגען לעבן וועלן מיר באַגריסן.
מיט מלאכים אין הימל וועסטו פאַרברענגען.
און מיר דאָ וועלן פון דיין גייסטיקער ירושה געניסן.

אין דיין טראַכט האָסטו מיך ניט געטראָגן, בלוט ניט פאַרלאָרן
אויף די הענט ניט געטראָגן, ניט געוויגט מיך אין שויס.
אָבער ווי ליב און געטריי דו האָסט מיך דערצויגן.
ווען האָסט מיך אַדאָפּטירט, בין געווען זעכצן יאָר גרויס.

פון אַלע מוטערס האָב איך דיך אויסגעקליבן.
מיט טרויער־לאַסט וועל איך דיין ליבשאַפט טראָגן.
האָסט קיין לוין פאַרלאַנגט פאַר שווערער מי.
ווי אַ געטרייער זון וועל איך נאָך דיר קדיש זאָגן.

MY MOTHER

How difficult it is to see your mother die.
How difficult still to see her to her final rest.
The home has been emptied by my great loss—
My comfort—her bright face upon my soul embossed.

How deeply we will miss you, no one can measure,
We will remember with fondness your life that is past.
The angels in heaven will now bring you pleasure
While for us here on earth, your spiritual heritage will last.

I am not of your womb—you lost no blood when you birthed me,
I was not carried in your arms, nor in your lap did you cradle me,
Yet how tenderly and devotedly, dear mother, did you raise me,
When in love you adopted me, when I was sixteen.

Of all the mothers, you were mine by choice.
For all that you gave, no mention of return did you voice.
As your dedicated son, I will say kaddish and mourn—
The heart is broken—the soul is torn.

May the angels in heaven be there to meet you
And with loving hosanas tenderly greet you.

פינצטער די נאַכט

טונקל — כ׳קען זיך ניט פאַרוויגן.
ס׳פּעלט דער ליבער מאַמעס ניגון.
זי איז פון לאַנג שוין מער ניטאָ.
כ׳פאַרמאַך די אויגן... אוי, מאַמע, דו ביסט דאָ!

זי נעמט מיך אַרום, כ׳זיץ אויף איר שויס,
״קינד מיינס, כ׳בין געקומען אויף אַ בליק בלויז,
דיך צו טרייסטן מיט מיין געשטאַלט,
כ׳בין צופרידן וואָס אין דיין האַרץ כ׳לעב נאָך אַלץ.״

אַ דאַנק פאַר דיין באַזוך, פאַר פאַרלייכטערן מיין צער,
דעם ליכטיקן גן־עדן זאָלסטו האָבן דערפאַר,
אַזוי לאַנג, אָן אַ שיעור אָן אַ צאָל
לייד איך אין קראַנקן־בעט, אין שפּיטאָל...

אין דער שטילער נאַכט,
אין שטאַרקע ווייטיקן אין חלום איך טראַכט:
כ׳באַגרייף — אַ סך פריינט שטאַרבן
אין גרויסע און טיפע ליידן.

כ׳וויל וויסן, ווער וועט מיך צו אייביקייט באַגלייטן?
קאַלטע טרערן פליסן פון מיינע אויגן אַראָפּ.
איך הער ווי די מאַמע צו מיר זאָגט:
״מיר פאַר דיין קאָפּ.״

DARK IS THE NIGHT

Night—and I can't sleep without my mother's lullaby.
My mother died long ago—"Sleep, my child, hushaby!"
"Is that you, Mother? Are you here!"
"Yes! Go to sleep, my dear!
Close your eyes. I shall be
Keeping watch carefully.
I came because you called for me,
Because in your heart I live, immortally."

"Your coming, Mother, does me good.
It has put new strength into my blood.
It has eased my pain.
It makes me well again.
Mother dear,
It is lovely to have you here!"

Dark is the night, and I lie in pain.
From my sick-bed I call my Mother again:
"My friends are dying, one by one.
When I die, I will die alone.
Only you, Mother, still remain
To comfort me, to ease my pain."

איי־ליו־ליו, מיין קינד

שלאָף, קינד מיינס, ליג דיין שיין קעפּעלע
אויף דיין מאַמעס שויס.
זינג איך דיר אַ לידעלע,
אַ געזונטער וואַקס מיר אויס.
איי־ליו־ליו, ליו־ליו...

טרוים איך מיר פון אַ שלום־וועלט
באַפעסטיקן כ׳וועל דיין גלויבן,
וואַקסן זאָלסטו ווי אַ ישׂראל־העלד
אין חלום וועסטו זען ווייסע טויבן.

שטיל זיי וואָרקען און זיי פליען,
צום הימל טראָגן זיי דיין חלום.
דו, קינד מיינס, וועסט וואַקסן און בליען
אין אַ ריינער וועלט פון שלום.

שלאָף, קינד, מאַך די אויגן צו,
באַלד וועלן באָבע און זיידע
קומען דיך וויגן, פאַרוויגן
קלייבן פון דיר נחת ביידע.

זיי וועלן קושן דיין זיסע באַק,
אין דיין פּנים זיך שפּיגלען.
שלאָף, קינד מיינס, שלאָף געשמאַק.
איי־ליו־ליו, ליו־ליו...

LULLABY, MY CHILD

Sleep, my child, rest your head on my lap,
I'll sing to you now while you're taking your nap.
Listen, relax, and I'll sing you a song
About growing up to be big and healthy and strong.

Sleep my child, sleep soundly—Ay lu lu lu lu

I dream of a world of peace and security,
An Israeli hero you'll be, when you grow to maturity.
Meanwhile dream of white doves that coo as they fly
And carry your visions way up to the sky,
And in love and in beauty you'll blossom and grow
In that beautiful peace, the world one day will know.

Sleep my child, close your eyes, listen to my tune,
Grandma and grandpa will come to rock you soon.
They kiss your sweet cheek and take pride in you
And in the reflections of your face they see themselves too.

Sleep my child, sleep soundly—Ay lu lu lu lu

גיי געזונט, מיין קינד

כ'האָב קיינמאָל געטרוימט אַז קומען וועט דער טאָג,
און דו וועסט פאַרלאָזן אונדזער גרויס הויז.
די שווערע זאָרג איך אַליין איצט טראָג,
אויך דיין מאַמעס ווייטאָג פאַרבאָרגן און גרויס.

זי רעדט ניט, געשוויגענע רייד קיינער הערט,
צערטלעך באַהאַלט זי איר ווייטיק שווער,
זי זעט ווי דו פאַקסט זיך, יאיר האַרץ איז שווער באַשווערט.
פון אירע אויגן רינט א טרער נאָך אַ טרער.

איינגעשרומפּן פאַר דיר איז אונדזער גרויס הויז,
אָן דיר ווערט יעדעס ווינקל פּוסט און לער,
פאַר בענקשאַפט דיין נאָמען שטום רוף איך אויס,
דערשטיק געפילן אין שווערער טרער.

אויפגעצויגן דיך צערטלעך, רייכער ווי רייך,
דיין עקשנות צו זוכן אַ נייע היים כאָטש שווער.
אפשר דערפאַר פאַרשטייסטו ניט נשמה־שפּראַך,
ווייל דו האָסט קיינמאָל ניט געזען אַ נשמה־טרער.

גיי געזונט, מיין ליב קינד...
בענקען נאָך דיר וועלן מיר אָן אַ שיעור,
ווען דיין וועג וועט דיר שווער זיין מיט דערנער און ווינט,
ברייט אָפן וועט שטיין פאַר דיר אונדזער טיר.

BE WELL, MY CHILD

I never thought the day would come,
My child, when you would leave our home.
I am not alone when I grieve.
Your mother is weeping because you leave.

She does not speak, she will not show,
How it hurts her because you go.
She watches you pack, and her heart is sore,
And her tears are flowing more and more.

Our big house has become very small.
Without you it is no house at all.
You are not here to answer when I call.
My voice chokes and my tears fall.

Be well, my child, be well we pray.
We shall always long for you, every day.
And if your road becomes hard and sore,
Always there is open for you our door.

די פינפטע און זעקסטע קשיא

זיידע טייערער, דערציייל מיר אַ מעשה,
זאָג מיר עפּעס,
דערצייל מיר דעם גרויסן נס,
ווי אַזוי זיינען מיר געוואָרן שקלאַפן ביי עגיפּטן אַמאָל?
ווי אַזוי און פאַרוואָס זיינען מיר אַהין פאַרקראָכן?
צו פוס? מיט אַ מידן שפּאַן,
ווען דו וועסט די פינפטע פראַגע ענטפערן,
נאָך איין איז אין מיין מוח פאַראַן,
פאַרוואָס האָט משה ניט געשפּאָלטן דעם אַטלאַנטישן ים?

קינד מיינס, די פראַגעס שטעלן האָסטו באַדאַרפט,
בעפאָר איך האָב געטרונקען פיר כוסות.
איצט בין איך פריילעך,
מאָרגן וועל איך ענטפערן קלאָר און שאַרף,
איצט גייען מיר עסן יויך — מיט מצה קניידלעך.

ביים צווייטן סדר דאָס קינד דאָס זעלבע פרעגט,
דער זיידע ענטפערט שאַרף און קלאָר,
דער זיידע אויף דעם בעט ליגט אָנגעלענט.
פרעג מיר דאָס נעקסטע יאָר...

THE FIFTH AND SIXTH QUESTIONS

Grandfather dear,
Tell me a story
About our Jewish people and their questionable glory.
There is something I really would like to know,
How did we become slaves, why did we go?
What miracle chose Egypt would you say?
And how did we get there anyway?
On foot? Were we just too tired to go further on?
And when you've answered that question,
I have another one.
While Moses was creating all that commotion,
Couldn't he have split the Atlantic Ocean?

Dear Child,
You should have asked me those questions before,
Before I drank all that wine—I finished all four!
And now I feel merry, relaxed and at ease,
So ask me again tomorrow, if you please.
At that time I'll answer you loud and clear,
But right now let's eat soup with matzo balls, dear.

At the second seder the child asks the same questions concisely
And Grandfather answers clearly and precisely
As he reclines on his pillows and draws the child near:
"Ask me the same questions, my dear one, next year."

דער זיידע ״פערד״

קוק, קינד מיינס: דער וואָלקן אין הימל,
זעט אויס ווי אַ פערד,
און דער רייטער איז אַ קינד —
זיינע אויגן — צוויי שטערן באַלייכטן די ערד.

פאַרהיט דאָס בילד אין געדאַנק,
איידער עס ווערט צעשטערט;
ווען דו וועסט אויסוואַקסן,
וועל איך דיר קויפן אַן אמתן פערד.

דערווייל פון מיינע אַלטע פּלייצעס קריך אַראָפּ,
איך האָף, מיין פאַרלאַנג האָסטו געהערט;
אויף דעם אמתן פערד וועסטו רייטן גאַלאָפּ,
און איך וועל ווערן אויס פערד.

און אַז דאָס לעבן וועט אָנגיין ווייטער
און עס וועט דיר זיין באַשערט,
דיין אייניקל וועט זיין דער רייטער
און דו וועסט זיין דאָס פערד.

MY GRANDFATHER'S HORSE

Look, my child, that cloud in heaven
Is like a horse—just see!
And the rider is a child.
His eyes, two stars, shine brilliantly.

Keep this picture in your mind,
Before it vanishes, do!
When you grow up, when you're a man,
I'll buy a real horse for you.

But from my old back now get off!
By what I have said, set store.
You will be riding a real horse.
And I'll be your horse no more.

Then as life goes, following
Its usual course,
Your grandchild will the rider be,
And you will be his horse.

פאַר מיינע ליבע אייניקלעך

אָנגעשטרענגט, מיט ליבשאַפט איך באַמערק אייער וואוקס,
מיט אָפענע אויגן, מיט אַ פאַרקלעמטן מוט,
איך זע אייער אויפוואַקס, פאַר דעם נייעם אָנקום,
וואָס פליסט אין זעלבן בלוט.
וואָס מיר רופן ציוויליזאַציע היינט,
איר אין מיינע יאָרן וועט גאָר רופן וואולגאַר.
וואָס מיר האָבן ליב וועט איר האָבן פיינט.
וואָס מיר רופן גליק וועט איר רופן צער.
די נייע ציוויליזאַציע וועט איר רופן גערעכטיקייט —
די העכסטע שטופע פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד.
אַ נייע וועלט, אָן מאָרד, אָן קייטן,
פון אַלע לענדער איין לאַנד.

אייער פרייד וועט מיר פאַרשאַפן גליק,
איך פון אַלטקייט, אייפערזוכט, אויך פאַרנומען.
צו דערפרישן וואָס איז געוואָרן פאַרוויאַנעט.

FOR MY DEAR GRANDCHILDREN

Straining with love I watch you growing,
With open eyes, with an aching heart,
I see your growing. I tremble at your new approach,
Flowing in the same blood.

What we today call civilisation,
You at my age would describe as vulgar,
What we love you will despise.
What we call happy you will say is misery.

The new civilisation you will call righteous,
The highest stage of human conception,
A new world, without murder, without chains,
All countries now one country.
Busy with old age and with jealousy,
I have no time to freshen what is fading.

מיין אייניקל׳ס בר מצוה

מיט ליבשאַפט און זאָרג געזען דיין וואוקס.
ווי הויך און שיין דיין געשטאַלט!
כ׳זע דעם.אויפגאַנג, כ׳ציטער פאַר מאָרגן.
איך בעט גאָט זאָלסט אין געזונט ווערן אַלט.

היינט ביסטו אַלט דרייצן יאָר.
ביי דיין געבורט האָבן זיידע־באָבע געקוועלט.
איצט אין טומל — גאָרניט איז קלאָר.
עס לויפט אין גאַלאָפּ אַ נייע וועלט.

וואָס מיר רופן ״ציוויליזאַציע״ היינט.
דו, אין מיינע יאָרן, וועסט רופן ״וואולגאַר״.
וואָס מיר האָבן איצט ליב, וועסטו האָבן פיינט.
וואָס מיר רופן גליק, וועסטו רופן ״צער״.

מיט אַמאָל — אַ נייע ציוויליזאַציע, פול מיט גערעכטיקייט.
דערגרייך די העכסטע שטופע פון פאַרשטאַנד.
אַ נייע וועלט, אָן מאָרד, אָן קייטן.
פון אַלע לענדער — איין לאַנד.

וועסט מיט אַלץ זיין פאַרנומען.
אַ סך פרייד וועט פאַרשאַפן דיר גליק.
איך פון אַלטקייט אייפערזוכט אויך פאַרנומען.
צו דערפרישן וואָס געוואָרן איז פאַרוויאַנעט.

היינט ביי אונדז אַ גרויסע שמחה.
איך קוועל מיט דיין טאַטע־מאַמע.
איך פייער מיט דיר אויך מיין בר מצווה.
מיין נשמה היינט אַ זאַטע.

MY GRANDSON'S BAR MITZVAH

I have watched with love and with anxiety
How beautifully you have grown.
I see you at your dawn, and tremble for your day.
That you may live to be old, I pray.

Today you are thirteen;
I rejoiced when you were born.
Today's world is confused, in disarray.
I fear that you should not lose your way.

Today's world—when you are my age,
You will call it squalid, gross.
What is praised today you will then condemn.
What we count gain you will see is lost.

A new world will arise, when people will try
Each other to understand.
A world without murder, a world without chains.
Out of all the lands one land.

This is your busy day.
So much for you to do!
I being old feel fresh now, younger,
We share your happiness with you.
Together with you I have today my Barmitzvah.
With your father and mother I celebrate too!

צו מיינע אייניקלעך אַ צוואה

קינד מיינס, דערצייל מיין צוואה צו דיינע יינגערע ברידער.
דאָס האָבן זיי נאָך קיינמאָל ניט געהערט.
זאָל דער ערלעכער קלאַנג פון מיינע לידער,
זיי דערגרייכן און וועקן אין זיי מיין באַגער.
דיין עקשנותדיקן קאַמף פאַר אַ ניי לעבן,
איך פאַרשטיי און באַוואונדער.
איך שרייב מיין צוואה אין דער פאָרם פון אַ ליד.
איך וועל דיר פאַר קלענערע פעלערן פאַרגעבן,
נאָר טראָג שטאָלץ דעם נאָמען איד.
אַ סך אין דיינע יונגע יאָרן, ווייל מיר האָבן שלום,
וועט ניט צעשטערט ווערן אונזער ליכטיקער חלום,
די אומזיכערקייט פייניקט מיך.
צו גלייבן אין אַ נס, בין איך אַנטוישט און מיד.
אין מיין קבר וועל איך רוען געמיטלעך,
ווען דו וועסט מקיים זיין מיין פאַרלאַנג.
מיין נשמה און האַרץ־באַגער איז טיף.
זאָל דיין קאָפּ זיין מיט אידישקייט באַקרוינט.
ניט ווי אַ געקלאָגטער וואַנדערער אויף אַ שיף.
זאָלסט קיינמאָל וויסן פון אַזאַ נויט.
מיין שאָטן וועט דיך ניט פאַרפאָלגן,
ווען ערלעכקייט, גוטסקייט וועט זיין דיין זיג.
מאַך קיינמאָל ניט פון אַ פרומען גוי אַן אנטיסעמיט.
אויב ער איז ערלעך, וועט ער פאַרשטיין,
אַז פיינט האָבן גאָט'ס פאָלק איז ווילד און געמיין.

TO MY GRANDCHILDREN: MY TESTAMENT

My child, tell your younger brothers my Testament, my last will.

Let my desires their hearts fill.
Let the sound of my honest song
Make them for my ideals long.
I admire the stubborn way you fight
For a better life, for truth and right.

I am writing my will in rhyme,
Let my hopes higher and higher climb,
But one thing above all I want you to do—
Whatever happens hold high the name Jew!
I know how the word Peace is a hopeful gleam.
But it must not destroy our bright dream.

One thing is killing me,
And that is the uncertainty.
To believe in miracles I am too old and tired,
But may you by my hoppes be inspired.
And I in my grave will rest tranquilly,
Knowing you carry on the fight that was my life for me.

My soul and my heart long for their own.
I would see you wear the Yiddishkeit crown,
Not like a wanderer on a ship, lost.
May you never into this plight be crossed.
My shadow will not dog your road.
May there be honesty and goodness in your abode.
Don't turn a good Christian into an antisemite.
He knows hating God's people is a sin to the lowest pit.

מיין קליין שוועסטערל רבקהלע

אַלע פּרימאָרגנס זיך פריילעך געמאַכט —
פאַרדרייט די פּיס, אין אַן אַלטן הוט,
אַריין אין מיין צימער, געשטופּט און געלאַכט,
פרייד מיר פאַרשאַפן, אַז מיר זאָל זיין גוט.

ניט פאַרגעסן כ׳וועל דיך אין מיין וואַנדער,
פאַר דיר וועל איך שרייבן מעשהלעך און לידער;
געזונגען האָסטו פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
איך קען ניט פאַרגעסן און זינג עס מיר ווידער.

כ׳האָב ליב דיך נאָך איצט, מיין מיידעלע קליין,
ווען ווערסטו פון אַ קינד זיך אַנטוויקלען צו פרוי.
דו בליסט אין מיין האַרצן פּרעכטיק און שיין
ווי פריש אין פאַרטאָג ס׳איז דער מאָרגן־טוי.

TO MY LITTLE SISTER, RIVKA

Every morning she came dancing in,
Into my room, with a funny hat,
Kicking her heels, to make me laugh.
To make me happy, just like that.

I'll never forget you, lovely child.
For you I write my stories and songs.
You sang about raisins and almonds.
I repeat what to you belongs.

I still love you, little sister.
From a child to a woman you grew.
You have become a full-blown flower,
Fresh with the morning dew.

פאַר מאַיאַן

קליינע מיידעלעך, ווי דו,
ווערן געבוירן יעדן טאָג,
אָבער דו ביסט אַנדערש, שענער...
כ׳הער ווי דיין מאַמע זאָגט.

כ׳בין איינשטימיק מיט איר פלאַסטישקייט,
זינט איך האָב אויך צוויי ליבע טעכטער.
כ׳פאַרשטיי דער מאַמעס האָפענונג און געפיל,
אַחוץ ליבע זענען מיר די ווערטער,
מיינע מלאכימלעך זענען געוואקסן צו פרויענהוט.

איך ליב זיי ניט ווייניקער, און בענטש זיי,
כ׳האָף אַז אין דיין משפחה קאָכט דאָס זעלבע בלוט,
וואָס שטראָמט אין מיר, פאַר מיינע טעכטער צוויי.
וואַקס, ליב קינד, וואַקס שטאַרק און פריי אין זין.
די צוקונפט צו דיר באַלאַנגט,
געדענק, דער שטאָך און האָניק קומט פון דער בין.
בלייב צו דיין מוטער מיט ליבשאַפט — פאַרלאַנג.

TO MAYA

Little girls like you
Are born every day
But you are someone unique
I heard your Mother say.

I agree with her platitude.
Since I had the same view,
I understand her love and attitude
I also had little girls, two.

My angels grew to womenhood
And I don't love them less,
I pray your Parents will and should
Consider you as their bliss.

Grow little angel grow strong and free,
The future belongs to you and your breed.
Remember—the sting and the honey comes from the bee,
May you remain like your Mother always sweet.

אויף דעם טויט פון מיין שוואָגער

פלוצלינג אָן אַ וואָרענונג,
ביסטו אויף אייביק פאַרשוואונדן,
אין דער פרעמד, ניט אין דיין אייגענער היים.
דערפאַר אפשר זענען גרעסער די וואונדן.
דיין באַליבטע פרוי און דיינע פיר טעכטער,
אומבאַשרייבלעך איז זייער וואונד,
כ׳וועל זיי היטן ווי אַ געטרייער וועכטער,
ווי מיר ביידע האָבן געמאַכט דעם בונד,
מיין ליבע פרוי, דיין שוועסטער אָממערסטן לייד,
עס איז שווער דער טאָג — פינצטער די נאַכט,
דיין אָפטן קומען צו אונדז — האָט געגעבן פרייד,
פאַרטיפט אין געדאַנקען, ווען מיר האָבן געשפילט שאַך.
אַנטלאָפן מיט איר דיין שוועסטער פון אַלע פאָגראָמען,
אייער ביידנס בונד — פון צען קינדער איז געווען גרויס.
האָסט איר איבערגעלאָזט נאָך פיר ברידער,
דאָך פעלסטו איר אָממיינסטן אויס.
דיין איינציקער שוועסטערסליידן,
מאַכט מיין יאָך שווערער צו טראָגן,
כ׳וויל מיין לאַסט ניט פאַרמיידן.
איך וועל ווי אַ געטרייער ברודער נאָך דיר קדיש זאָגן.
אָפט ביסטו צו אונדז געקומען,
ווען דו האָסט ניט געבלאָנדזשעט ערגעץ וואו אויף דער וועלט,
ווען כ׳האָב אַמאָל פון דיר אַ שאַך געוואונען,
געפילט זיך שטאַרק ווי אַ העלד.
פאַריתומט שטייט דער שאַך,
צו אונדזער הויז וועסטו מער ניט אַריין.
שטייט די ווייסע קעניגין און וויינט אַ סך.
דער גיבור, דער שוואַרצער קעניג איז אויף אייביק געפאַלן.

ON THE DEATH OF MY BROTHER-IN-LAW

Suddenly. No warning,
And you vanished forever,
In a foreign land, not in your home.
The greater our sorrow, the deeper our gloom.

Your stricken wife and four daughters,
Inconsolable their pain.
My wife, your only sister,
Will never see you again.

Heavy the day and dark the night.
Your coming to us was always a delight.
Seeing my wife's grief is to me double grief.
I shall not miss saying Kaddish, to keep your memory

I remember our games of chess.
How masterly was your play!
If ever I won a game from you,
I felt a hero that day.

The chess-board stands orphaned.
Empty is your chair.
Our King has departed.
How can we stop our weeping, our tear!

מיין ברודערס 20סטער יאָרצייט

איך גלויב קוים אַז ס׳איז שוין
צוואַנציק יאָר ווי דו ביסט פאַרשוואונדן.
מיט זיך האָסטו טרוימען מיטגענומען.
עס פעלט מיר אויס דיין באַזוך,
דיינע האַרציקע, וואַרעמע רייד
וועגן דער אַלטער, אויסגעבענקטער היים.
ווען מיר האָבן געשפּילט שאַך,
האָבן מירביידע געשוויגן און שווייגנדיק געטרוימט.
די זיסע קלאַנגען פון דיין טשעלאָ
האָבן אויפגעדעקט אַ נייע וועלט פאַר אונדז.
דיין טשעלאָ האָסטו קיינמאָל ניט פאַרלאָזט
אין דיין שפּילן האָבן מיר געפילט
קלאַנגען פון אַ זשעני.
ביסטו אַוועק אין דער ווייטער אַמעריקע
און דאָרט האָט דיין זשעני זיך אָפּגעטאָן.
אין טרויער און פּיין רוף איך צו דיר:
קום, ווייז זיך אויף אַן אויגנבליק
און לאָמיר דערהערן דיין ברידערלעכע שטים.
אונדזערע הערצער פאַרקניפּט אין איין האַרץ.
שווער געווען צו גלייבן, אַז מיר זענען ברידער.
דו ביסט געווען ליכטיק בלאָנד,
און איך טונקל, שיר ניט שוואַרץ.
ווען איך טו אַ בליק אין שפּיגל,
אין מיין שוואַרצקייט זע איך דיך.
דאָס איינציקע וואָס ליכטיק איז אין מיר,
איז מיין ליכטיק גרוי געוואָרענער קאָפּ...
און איך זע דאַן אויס ווי דו.
קום, באַווייז זיך מיט דיין שטאַלט,
ברענג מיר רו און ברענג מיר פרידן.

I

MY BROTHER'S TWENTIETH YAHRZEIT

I can hardly believe
That twenty years have gone
Since you were snatched away,
Taking with you so many dreams,
Like an orphan I feel alone.

I miss your presence,
Your questions, so much you wanted to know
During our daily walk,
Dreams of the old home.
When we played chess,
I heard in the stillness of your soul
Your dreamy talk.

In the sound of your cello
A new world was spread out for you.
But you never gave up your violin.
We all knew you were a genius.
Bound with your violin,
Your heart and tone so mellow.
You travelled to America
And there your genius vanished.

Come . . . come again, come often.
Joined together like one was our heart.
No one believed we were brothers,
For you were blond and handsome, and I dark.

When I shave each day,
Looking in the mirror as I usually do,
Memories come to me.
With my grey hair I look like you.
I am glad you came
To tell me so many things.
Come, come often. My door is open.
The wounds in my heart need healing.

פון מענטש צו מענטש

V

THE FAMILY OF MAN

כ'האָב ליב

כ'האָב ליב אַלץ אַרום מיר גערן,
אַפּילו ווען מיך דריקט אַ געפיל פון אַנטויש.
כ'ליב די הימלען, זון, לבנה און שטערן;
כ'ליב דעם ים מיט זיין מעכטיק גערויש.

כ'ליב מענטשן, ציוויליזאַציע, מיט אירע חסרונות,
דעם גאָרטן, די בלומען און אַלץ וואָס דערינען.
פאַר אַלץ וואָס לעבט האָב איך גוטע רעיוננות,
אין אַלטע און אין קינדער געפין איך אַ זינען.

ס'איז ליב מיר דער נעכטן און אויך דער היינט
און מיט האָפענונג דערמאָן איך דעם מאָרגן.
כ'בין גרייט צו העלפן אַ געפאַלענעם פריינט
און אים גרינגער מאַכן זיינע שווערע זאָרגן.

איך וועל אויסמעקן אַלץ וואָס איז שלעכט
און פלאַנצן פריינטשאַפט מיט אַ גוט וואָרט און אַ גלעט
כ'ליב מיינע קינדער און אייניקלעך מיט שטאָלץ און מיט רעכט.
ווי גיך זיי וואַקסן! פאַר מיר, זע איך, ווערט שפּעט...

I LOVE

I love all things that around me are.
Even when disappointed once more.
I love the heavens, sun, moon and star.
I love the sea with its mighty roar.

I love people and civilisation, faults and all.
I love gardens and flowers and trees grown tall.
Of all living things I have only good to say.
Old people and children make my day.

I like yesterday, and also today.
I look forward for tomorrow hopefully.
I will always help a friend in despair,
To lighten his load of trouble and care.

I shall wipe out evil, and plant in its place
Friendship and kindness and a smiling face.
I love my children and grandchildren—how much joy they create!

How quickly they grow! But for me it gets late.

ליבשאַפט

ווען ליבשאַפט קלאַפּט אין דיין טיר,
צעפּראַל — עפן יעדן שלאָס,
ליבשאַפט האָט אַ נייעם שר —
אין אָנפאַנג, און אין אויסלאָז.

פאַרגאַנגענהייט און מידקייט וועט אויסגיין,
פאַרגאַנגענהייט און מידקייט וועט אויסגיין,
אַ נייער באַגינען וועט מוזיקאַליש קלינגען,
און ברענגען גליק אין אונזער היים.

דיינע ווייטיקן וועלן גיך אַנטרינען,
וויינען וועט פאַרוואַנדלען אין אַ געלעכטער,
וועסט אין דיין שלאָף האָבן שיינע טרוימען —
דיין געליבטער וועט זיין דיין וועכטער.

גרינג וועט ווערן דיין לאַסט,
דו וועסט וואונדערן און שטוינען,
די זון וועט ליבלעך דיך וואַרעמען,
די לבנה בייננאַכט וועט דיין וועג באַשיינען.

ווען ליבשאַפט קלאַפּט אין דיין טיר,
צעפּראַל און עפן יעדן שלאָס
ליבשאַפט האָט אַ נייעם שר —
איז דער אָנפאַנג — און אויסלאָז.

LOVING

When loving knocks at your door,
Fling it open, no obstacle, no impediment.
Loving has a new song.
It is the beginning and the end.

Happiness and well-being will encircle you.
Ugliness and past will disappear.
A new beginning will strike up like music,
And bring gladness into our home here.

All your pains will pass away.
Your tears will turn to laughter.
In sleep you will have happy dreams,
And I, who love you will like a watchman follow you after.

Your heavy load will grow light.
You will marvel—is this true?
Rise and go out! The sun will warm you by day,
The moon will shine on your road by night.

When loving knocks at your door,
Fling it open, no obstacle, no impediment.
Loving has a new song.
It is the beginning and the end.

גערעכטיקייט

מיט מיין גערעכטיקייט בין איך שטאָלץ,
ווי אַ העלד וואָס דערגרייכט זיין ציל.
מיינע פריינט האָב איך ערלעך האָלד.
זיי זענען מיר אייגן און נאָענט.
געבענקט פיל מאָל נאָך אַ שבח, נאָך אַ גלעט,
ווען עס האָט מיך אַמאָל דערגרייכט
און מיך פאַרגעשטעלט אַלס פּאָעט,
האָבן מיין פּנים און אויגן אויפגעלויכטן.
איצט, נאָך ווערן אַ בן שבעים, דערלעבט צו זען
ווי מ׳פליט צו דער לבנה און אַנדערע פּלאַנעטן,
באַוואונדער איך גרעסערע העלדישקייטן:
די ישראל גבורים פליען 2500 מייל
צו ראַטעווען קרבנות פון מערדער אידי אמין.
איצט קומט ווידער אַ ניי יאָר.
בענטש איך יעדן מיט געזונט ווי אַלע מאָל.
מיין גרעסטער וואונטש און באַגער איז קלאָר,
זינט איך געדענק זיך און אַלע מאָל:
פאַר שלום, געזונט, אָן מורא און שרעק,
פאַר פרידן, געזונט און אַ שטאַרקער ישראל.

RIGHT

My sense of right makes me proud,
Like a hero who has reached his goal.
I love my friends, flesh and blood,
They are close to me, heart and soul.

Often I longed for a pat on the back,
For praise that I thought was due to me.
When it came my face lighted up,
If it meant me the poet, my poetry.

Now approaching three score and ten,
I see men fly to the moon and to outer space.
I marvel at such heroic men,
Like the Israeli commandos who flew at furious speeds
And rescued Amin Idi's hostages.
Such gallant men I praise and bless.

My chief wish, my ardent desire
Is and will be, always will—
Peace, prosperity, freedom from fear,
And a strong and secure Israel.

עס ווילט זיך מיר טרוימען

עס ווילט זיך מיר טרוימען,
אַז קומען וועט דאָך.
באַפרייען וועט פּאָלק זיך
פון שקלאַפּישן יאָך.

ווי זיס זענען טרוימען!
אין רוימען איך שוועב.
און ס׳איז שיר קיין חלום,
ס׳איז ווירקלעך, איך לעב!

ניטאָ מער קיין קלאָגן
אויף ווינד און אויף וויי.
כ׳הער לידער פון פרייהייט
און איך זינג מיט זיי.

THE DREAM

I like dreaming my dream
That the world will one day be free.
It will shake off the yoke
Of sloth, of lethargy.

My dream is sweet.
It holds me in captivity.
My dream is no longer a dream.
It is reality!

No more weeping and wailing,
No more cries of woe.
I hear songs of freedom.
And I am singing them with you.

ווייסע ציגעלעך

בלאָנדזשעט אַ ווייס ציגעלע פאַרלוירן.
דער טאָג פאַרגייט, די נאַכט קומט באַלד.
דער פאַסטעך האָט דאָס ציגעלע אָפּגעשוירן.
דערקענט עס ניט די מאַמע, אוי, געוואַלד!

בעט זיך דאָס ציגעלע: מאַ און מע!
מאַמע, דערקענסט ניט דיין אייגן קינד?
הער מיין שטימעלע, מאַמע, ״בע!״
אויב ניט, בין איך אַ לעבעדיקער יתום אַצינד.

אין פעלד אַ סך ציגעלעך אָן אַ מאָס,
אַלע ווי איינער געשוירן
זיי קייען געשמאַק דאָס גרינע גראָז
און זיי ווייסן ניט, אַז זיי זענען פאַרלוירן...

דער פאַסטעך אַליין ווייסט ניט וואָס צו טון,
ער ווייסט ניט וועמען פון פעלד ער פירט,
אָבער מוטערס האָבן די קינדער דערקענט
און אויפן אָרט זיי אַדאָפּטירט...

זייגן די ציגעלעך, די מילך איז זיס.
גוט איז צו זיין מיט דער ליבער מאַמען.
שטייען מאַמעס און קינדער ניט איין אויף די פיס
און מע טאַנצט אַ פריילעכס אַלע צוזאַמען.

WHITE LAMBS

A little white lamb is lost, is wandering;
The day is ending, the night is near.
The shepherd has sheared them all,
and the mother can't recognise it any more.

The poor little lamb bleats, "Mother!"
Don't you recognize your child?
Hear my cry, and answer me!
Don't leave me an orphan in the field

Countless little lambs out in the pasture,
all sheared, all, the rest,
Chewing tasty green grasses,
And they don't know that they are lost.

The shepherd doesn't know what to do now.
He doesn't know whom he brings home from the field.
But the mothers have recognized their chidlren,
And now have them safely in their hold.

So the little lambs suckle their mother's milk gladly.
It is good to be with mother at home.
And the mother sheep and the little lambs are together,
And they join in a round dance, all of them.

מיין סקריפּנדיקע טיר

כ׳וויל זיך ניט פֿאַרשליסן אין זיך, אין דער פֿינצטער!
פֿאַרברענגען מיינע טעג אין אַ נוצלאָזן ווערט!
זאָל מיין לעבן זיין אָפֿן, מיט אַ סך פֿענצטער,
אַ וועג צו מיין האַרץ, דורך אַ טיר וואָס דרייט זיך
אַהין און אַהער! נאָר דאָס סקריפּען מ׳הערט,
וואו איך אָטעם, וואו איך פֿאַרברענג און שרייב,
אויף נייטיקע מענטשן איך וואַרט.
און אַ סך קומען פֿאַרצווייפֿלט, פֿאַרטרויערט...
אריין און אַרויס;
זיי פֿאַרלאָזן די זעלבע טיר מיט אַ שמייכל,
מיט אַ גרינג האַרץ —
און איך פֿיל צום הימל גרויס.

MY REVOLVING DOOR

Let me not shut myself within myself,
Nor dedicate my time to worthless things.
Let there be many windows in my life—
An entrance to my heart, a door that swings.
Where some people come with eyes that do not smile
From them I learn, things worth while.
When they leave with eyes that do smile,
And I grow tall—sky high.

זינגט אַ פּאָעט

קיינער קען פֿאַרשטיין זיין געזאַנג.
״איך וועל אייביק לעבן!״ — שרייבט דער פּאָעט.
דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעכער פֿאַרלאַנג.
אויף אַ סך רופֿט עס אַרויס געלעכטער און שרעק.
״פּאָעט״ — איך האָב געשריבן פֿון ליבשאַפֿט.
אויך דאָס געזאַנג פֿון מיין פֿאָלק.
איך האָב געשריבן פֿון אומגליק און קראַפֿט.
אַלץ וואָס איך האָב געשריבן, איז מיט טאָלק.
געשריבן, געקעמפֿט קעגן אומרעכט צו שקלאַפֿן.
געשריבן פֿון און פֿאַר באַנטשע שוויג.
געשאָלטן די וואָס נוצן שטריק און וואָפֿן.
געהאַסט די וואָס ברעכן אַ סטרייק.
געליטן אין פּיין פֿאַר די וואָס לעבן אין ליידן.
געזונגען אויך פֿאַר ליכטיקע, קלאָרע האָפֿענונגען.
געטרייסט דאָס האַרץ מיט אַ ליכטיקער צוקונפֿט.
געוויינט אויף די געטאָס און קרעמאַטאָריעס.
געליטן פֿאַר יעדן קרעכץ און טרער.
קיינמאָל פֿאַרגעסן דעם נאַצי־חורבן.
געפּרואווט צו גלעטן די נשמה.
פֿון יעדן פֿאַרבליבענעם נאַצי־קרבן.
געוועז אַמאָל אַ וועלט אַ זאַטע. ווער האָט זי פֿאַרצוקט?
די וועלט דערטרונקען אין בלוט.
כ׳האָב מורא, ס׳ווערט צו שפּעט.
מיליאָנען קינדער גייען שלאָפֿן הונגעריק.
וויינט דער פּאָעט.

A POET SINGS

Nobody knows what he means with his song.
"I want," the Poet sings, "to live eternally."
This is the Poet's strange fantasy.

Some people laugh. It frightens some.
"I wrote of love," is the Poet's cry,
And the cry of my people's doom.
All I have written is about their tragedy.
I could not, like Bontze Shweig pass silent by.

I cursed those who use rope and gun.
I hate strike-breakers, everyone.
I suffered with other sufferers.
I sang when new hope shone.

I sang to comfort people,
To soothe their pain.
I wept over the gas ovens,
Again and again.

The world was once contented, safe.
Who stamped it out?
I fear it is getting too late.
Cry, Poet, shame!

לאָמיר זיך איבערבעטן

מיין פריינט! נאָר אַ סטרונע האָט געפּלאַצט,
דער פידל איז ניט צעבראָכן;
זאָל דער ניגון, וואָס איך הייליק שאַץ,
בלייבן מעלאָדיש און שעפעריש מיט פאַרשריבענע נאָטן,
לאָמיר זיך איבערבעטן.
שאָטנס פאַרשווינדן ווו אַ ווינט,
דו האָסט פאַרלאַנגט, ליב געהאַט מיינע לידער,
איצט ווילסטו מיין נשמה גלעטן;
איך, געהאָרכזאַם ווי אַ קינד,
פּרוביר איך צו שרייבן ווידער —
לאָמיר זיך איבערבעטן.
אָבער מיין פען לייגט ניט צו אַן אויער,
ווי אַ טויב מיט פאַרוואונדעטע פליגל,
פאַרשטיקט אויף אַ וואַרעמען קוימען;
כ׳מוז וואַרטן, איבערקומען מיין טרויער,
און זיך מיט כעס אָנזעטן;
איך הער דיין רוף צו די רוימען —
לאָמיר זיך איבערבעטן.
איך וויל ניט זיין אַ גיבור,
איך וויל אויפהערן מיינע וואונדן לעקן;
איך וויל בלייבן וואָס איך בין,
ס׳ווילט זיך זינגען מיט דיר —
לאָמיר זיך איבערבעטן.

LET'S MAKE IT UP

My Friend, only a string has snapped.
The violin is not broken.
So I hold the melody dear,
That it may stay tuneful and creative, with written notation.
Let's make it up!

Shadows vanish like the wind.
Long you have loved my songs.
Now you wish to stroke my soul?
I, obedient as a child,
Try to write again.
Let's make it up!

But my pen won't hear of it,
Like a dove with wounded wings,
Choked in a warm chimney.
I must wait to recover from my sorrow,
And gorge myself with rage.
I hear your call into space.
Let's make it up!

I don't want to be a hero,
And stop licking my wounds.
I want to stay what I am.
I feel like singing with you.
Let's make it up!

I won't let moss grow on my soul.
I will start a new beginning.
Your honest demand is pursuing me
On all my roads and ways.
Somewhere—each morning—the sun shines.
Let's make it up.

כ׳וועל ניט דערלויבן וואַקסן אויף מיין נשמה מאָך,
כ׳וויל אָנפאַנגען אַ נייעם באַגין,
דיין ערלעכער פאַרלאַנג גייט מיר נאָך,
אויף אַלע וועגן און שטרעקן;
ערגעץ וואו יעדן מאָרגן שיינט די זון.
לאָמיר זיך איבערבעטן.
איך הער אַ נייעם אָרקעסטער,
מיט אַ געוואַלדיקן גערויש פון די מעשן,
מיין האַרץ ווערט לייכטער, מיינע געפילן בעסער,
מיין בייזער חלום וועט זיך אויסלעשן!
מיט שענסטע קליידער וועל איך זיך אויספּוצן,
ניט דאַרפן מער מיינע וואונדן גלעטן;
כ׳וועל די געלעגנהייט אויסנוצן,
זינגען צוזאַמען —
לאָמיר זיך איבערבעטן.

I hear a new orchestra,
With a tumult of people.
My heart becomes easier, my feelings better.
My children will wipe out my evil dreams.
I will dress up in my finest apparel.
Let's make it up!

I need no longer lick my wounds.
I'll use the chance,
And sing together,
Let's make it up!

עס זינגט זיך נישט

גאָט, דו גרויסער, מעכטיקער!
ווי שיין עס שיינט די זון!
עס איז דער טאָג אַ פּרעכטיקער
קיין פּרעכטיקערס ניטאָ דערפון.

פאַרוואָס זשע קלעמט דאָס האַרץ אין מיר?
פאַרשטערט איז מיר די פרייד,
ווייל ס׳גיסט זיך בלוט אין לענדער פיל,
קיין גרענעצן ניטאָ אין זייער לייד.

מער ווי איין לאַנד ווערט פאַרוויסט
באַלד האַלב פאָלק אומגעבראַכט.
איז ווי קען איך זיך פרייען היינט,
ווען ס׳שיינט דער טאָג אין פּראַכט?

ווער קען אַזוי פילן דעם צער,
ווי איך, אַ פאַרוואונדערטער איד?
און וואָס גייט מיר אָן ס׳געזאַנג
פון בעסטן, שענסטן ליד?

הערט אויף שווייגן פעלקער אַלע,
שטעלט אָפּ אין קאַמבאָדיע די שלאַכט.
דאַן וועט די זון פריילעך שיינען,
און די וועלט אַ פּראַכט.

I CAN'T SING NOW

Lord God, great God, Almighty,
How brightly shines the sun.
It's such a lovely day today,
But to me it brings no fun.

For my heart is full of sorrow.
Lord God, how can I sing!
When blood is flowing everywhere,
And the world is full of suffering?

So many countries have been laid waste,
So many prophets slain.
How can I be happy, how can I sing
Amid so much pain?

Who can feel the pain and the hurt
More than I, the wandering Jew?
How can I rejoice when I hear sweet songs,
Sung, Lord God, to you?

Stop your wars, nations, throughout the world!
Stop the bloodshed, stop the fight!
Then when the sun shines as it shines today
I shall sing my glad delight.

די באַגעגעניש מיטן טויט

דער לעבנסוועג וואָס פירט צום טויט,
איז אָן אַ גרענעץ לאַנג מיט ווייטאָג.
דער סוף איז גרינגער ווי נאָך אַ נויט,
נאָך אַ שטורעם — אַ הערלעכער טאָג.

זיך שיידן מיט פריינט און מיט ליבע. ווי שווער!
אַוועק פון דער וועלט איז אַוודאי נאָך מער.
וואָס דו האָסט פאַרפלאַנצט וועט וואַקסן און בליען,
וויילביים לעבן איז דאָס געווען דיין באַגער.

ווען דיין זעל וועט אַריין אין הימלישע הויכן,
וועלן די פריינט געדענקען דיין גוטס.
דו וועסט פאַר זיי בלייבן אַן אייביקע טרייסט.
זיי האָבן פון דיין לעבן געהאַט נאָר פיל נוץ.

ווען דו האָסט ביים לעבן די נויטן פאַרגרינגערט
און האָסט יענעמס קלאָגן מיט ליבע דערהערט,
אויך זיי וועלן איינזען די פוסטקייט יאָגן
און וועלן טאָן גוטס נאָר וואָס בעסער, וואָס מער.

דו האָסט זיי געלאָזן די שענסטע ירושה:
וואָס מער שאַפן גוטס פאַר יענעם אין נויט.
דאָס איז אַ מצווה פון ריינסטער קדושה,
וואָס ס׳קען ניט פאַרמעקן אַפילו דער טויט.

ENCOUNTER WITH DEATH

The road of life that leads to death
Is an endlessly long and painful way.
The end much easier after distress,
After a storm comes a lovely day.

Parting with friends and dear ones is hard.
And harder to lose someone dear.
What you have planted will still grow
When you are no longer here.

When you bind man with man in friendship,
Make people in love together cleave,
Before the light from you has departed,
Ask yourself—what did you achieve?

If for a while you eased someone's burden,
If someone heard your friendly call,
Know, what you leave is more important—
What you take with you has no value at all.

ניו יאָרק בושה

איך גלייב קוים מיינע אויגן,
דאָס האַרץ אַנטוישט, פאַרחידושט און פאַרגליווערט,
ווען איך האָב געזען אַלטע פרויען,
זייער גאָב און האָב אין אַ פּאַפּירענעם בייטל,
וואַלגערן זיך אין ניו־יאָרקער גאַסן פאַרפרוירן.
זי ציטערט; איר קערפּער מיט שמאַטעס אַרומגעוויקלט.
זי פרעגט: „ווי לאַנג וועט דער ווינטער דויערן?"
זי פאָדערט ניט רחמנות אָדער גָעלט.
זי ווייזט מיר אויף אירע פּלייצעס אַ פּלאַקאַט, ווי זי האָט
מיט אַ שטריק אַרומגעוויקלט, וואָס האַלט אויך אירע שמאַטעס.
„איך דאַרף אַ דאַך איבער מיין קאָפּ".
פאַרקוועטשט, מיין האַרץ האָט זיך פאַר אַ ווילע אָפּגעשטעלט.
איז דאָס מעגלעך, אָדער איז דאָס אַ שלעכטער טרוים?
אין דער רייכסטער שטאָט אין דער וועלט
וואַלגערן זיך אַלטע פרויען אין פאַרשנייטן ניו־יאָרק.
איך קען דאָס ניט באַגרייפן. כ'גלייב קוים,
אַז אַזאַ גרויסע שטאָט האָט פאַר זיי ניט קיין אָרט.
אין דער פּאַפּירענער טאַש ווייזט זי מיר פאַרשימלט ברויט.
זומער־צייט שלאָפט זי אויף אַ באַנק אין פּאַרק,
און ווינטער, ווען מען לאָזט, דרימלט זי אין באַנהויף.
בייטאָג פּלאָנטערט זי זיך צווישן פרעמדע מענטשן.
זי שטרעקט ניט אויס איר האַנט נאָך הילף.
זי איז צוגעוואוינט אויף איר פּלאָג.

NEW YORK—SHAME!

I can hardly believe my eyes—
My heart was depressed, congealed and questioning.
I saw an old woman, all her worldly possessions
Tied in one paper bag—aimlessly wandering.

The streets of New York are frozen,
Her body shivers as she scuttles past,
Huddled in her tattered rags, she must wonder,
How much longer will the winter last.

She asks no pity, nor pleads for money.
She points to her rope tied placard instead
Which states very simply
"I need a roof over my head"

Pressed, my heart skips a beat,
Is this really possible or just a bad dream?
I can't comprehend, it is unbelievable,
It makes me want to scream.

In the richest city of the world,
On New York's cold and frozen street,
Can it be that that's the only place
This old woman can sleep?

In so large a city is there no shelter—
No place to rest?
In summer she sleeps on a park bench;
In winter, if permitted, she dozes at the railroad station at best.

During the day she stumbles among strangers,
She neither begs nor complains.
She is used to her plight,
That's the way it remains.

זי וויל נאָר אַז יעדער זאָל לייענען איר פּלאַקאַט:
״איך דאַרף אַ דאַך איבער מיין קאָפּ״.
פרייטיק, ערב שבת צו־נאַכט,
איך פאַרפּלאָנטער אין אַ טעמפּל מיט טענות צו גאָט.
מיט אַ צעבראָכן האַרץ, באַרוישט. איז דאָס מעגלעך?
כ׳האָב זי געטראָפן מיט אַ סידור, אין סינאַגאָגע.

Sometimes she munches
On her moldy old bread
And points to her sign
"I need a roof over my head"

Sabbath eve I wander into temple,
Broken hearted I now make my complaints to God.
Suddenly I'm excited, can this really be?
There's the old lady with a prayer book
In the synagogue near me!

אַטאָמיש פייער

ברויזט אַ שטילקייט. מ׳קען קוים כאַפּן דעם אָטעם,
דאָס ביסל ליבשאַפט ברויזט אָן אַ וואָרט,
אַ סך גלויבן אפשר איז דאָס אַ חלום.
מ׳לויפט, קיינער קען ניט געפינען אַן אָרט.
הערצער קלאַפּן, ווי אַן אַלטער זייגער,
פילע זאָגן אַז עס איז אַ חלום
אין אַ וועלט פון פאַלשקייט. לײַדער,
איז שווער דער אמת פאַרפרוירן און שטום.
שכנים, פאָלקס־שכנים געפינען אַ תּירוץ
צו האַסן איינער דעם צווייטן,
און דער טרויער דויערט אָן אויפהער.
און יעדער האָט אַ פאַלשן דרך־ארץ,
מ׳בויט די אַטאָמישע באָמבע, האָפנדיק צו זיגן,
מ׳קען אַ קינד געבן אַ שפּילצייג, ער זאָל ניט שפּילן.
ניט יונג ד׳י, וועלכע די וועלט רעגירן,
נאָר איין האָפענונג פאַראַן:
פרויען זאָלן איבערנעמען די מאַכט,
עס איז אַ גרויסער שפּאַן,
אפשר זיי קענען אויסמיידן ד׳י קומענדיקע אַטאָמישע שלאַכט.

ATOMIC FIRE

Quietness seethes—one can hardly catch his breath,
What little love remains brews silently, as quiet as death.
No one can find a place—all run—no time to take stock—
Many believe it is only a dream,
But their hearts beat like a worn out old clock.
Some say it is a nightmare that will never come.
But in a world of falsehood, I am sorry to say,
It is truth that remains both frozen and dumb

Neighbors, folk neighbors, find excuses to hate
And the sadness goes on while they breathlessly wait.
With false respect for each other, each hopes first to begin,
Each builds his atomic bomb with the thought that he can win.
You can't give a child toys and expect him not to play,
And if atomic bombs are built, they will be used one day.

Not young are the men who presently rule,
Ruthless they may be but they don't see themselves as cruel.
There is only one hope for this world to remain,
It's a mighty big step—it might be the earth's gain,
If women took power and came to the fore,
Perhaps they could avoid a nuclear war!

אויף פּאַבלאָ קאַסאַלס טויט

איך באַוויין דיין טויט, ליבער מאַעסטראָ קאַסאַלס!
שאַרף איז מיין ווייטיק וואָס איך האָב דיך בלויז זעלטן געזען.
איצט קושן מיליאָנען מענטשן דיין כישופדיקע האַנט,
וואָס איז פאַר דער וועלט אַ ליכטיקע פרייד געווען.

ווען איך זאָל באַהערשן דעם כוח פון מאָלן,
אָדער אויסהאַקן פון שטיין דיין געשטאַלט,
וואָלט איך מער ניט געמאָלן ניט בערג און ניט טאָלן,
נאָר דיך, אייביק־יונגן, ווען געווען ביסט שוין אַלט.

געזען האָב איך זאָרג אויף דיין ליכטיקן פּנים
און דיין קאָפּ באַצירט מיט האָר ווי אַ זילבערנע קרוין
אַרויסצוברענגען קלאַנגען נאָר ווי דו האָסט געקאָנט,
פון דיין טשעלאָ געשענקט אונדז דעם הערלעכסטן לוין.

פאַריתומט דיין טשעלאָ, פאַרשטומט זיינען סטרונעס,
עס שטייט אויך פאַרלאָזן דיין שיינער קלאַוויר.
מיר זיינען פאַרטרויערט, מיר זיינען פאַרלאָרן
צו בלייבן ווי אין קלאַנגלאָזער וועלט אָן דיר.

אָ מוזיק־זשעני! ביסט געווען אויך אַ קעמפער
פאַר ליכטיקער פרייהייט איבער דער וועלט.
עס קען זיין דערפאַר איז געווען אַזוי ליב דיר ישראל
ווען אויף דער הייליקער ערד דיין פוס האָסט געשטעלט.

איצט שטייען מיר דאָ ביי דיין קאַסטן און טרויערן.
מיר נויגן די קעפּ צו דיין אָנדענק און דאַנקען
פאַר דיינע קלאַנגען וואָס טרילן אין אונדזערע אויערן,
דערקוויקן די הערצער ווי געטלעך־געטראַנקען.

ווי לאַנג נאָר מיר לעבן, מיר וועלן געדענקען
דיינע קלאַנגען באַגלייטן אונדז איבעראַל
האָסט אונדז כאָטש פאַרלאָזן, דאָך האָסט אונדז געלאָזן
די רייכסטע ירושה, אָ, גרויסער קאַסאַל!

ON THE DEATH OF PABLO CASALS

I weep for your death, maestro Pablo Casals.
That I saw you seldom, my grief is keen.
Millions are kissing your magic hands
That could our world with gladness illumine.

If I had the power to paint and sculpt,
I would carve you in stone, or with clay would mould.
I would paint no more landscapes, no valleys and hills,
Only you, forever young when you were old.

I saw a troubled look on your shining face.
Your hair like a silver crown on your head,
Bringing out sounds such as only you could—
The glorious music your cello spread.

Your cello is orphaned, its strings are dumb,
And silent also is your clavier.
We are all in mourning, all bereaved.
The world is so endless without you here.

Not only a genius, a lord of music,
You wanted all peoples in freedom's stand.
That must have made Israel so dear to you,
When you set your foot on the Holy Land.

Now round your bier we stand in mourning,
With bowed heads. We shall mourn you long.
In our ears still rings your music.
Our hearts are full of your divine song.

As long as we live we shall remember,
We shall remember Casals, always.
You have not gone, you have left a rich heritage,
A heritage for the coming days.

רו

איך זוך רו — אין נאַטור־בילדער,
וואו ערגעץ אין וואַלד אָדער פּאַרק.
כ'בין מיד פון שטאָט און גאַסן־געפילדער,
כ'וויל זיך פאַרלירן אין אַ טאָג חלום אָן זאָרג.
געפינען דאָרט אַן אַלטע באַנק,
איינזאַם ווי איך — וואַרט אויף אַ פּאַציענט,
אָבער זיצט שוין דאָרטן אַן אַלטער מאַן לאַנג.
מיר שווייגן ביידע פאַרשעמט...
מיר ביידע, אַ געהער־אַפּאַראַט טראָגן.
מיין האַרץ פאַרלאַטעט... פאַרקלעמט.
מיר ביידע שווייגן. כאָטש עס איז דאָ אַ סך צו זאָגן.
איך טראַכט — עס איז בעסער אַזוי,
שטיל און רואיק, איך רעד ניט הויך.
כ'וויל ניט שטערן זיין רו.
ער קוקט אויף דער לבנה און שווייגט אויך.
מיר דענקען, אַז קיינער פון אונדז איז דאָ.
פאַרברענגט ביידע מער ווי אַ שעה.
כ'זאָג צו אים שלום, ווי עס פּאַסט פאַר אַ איד צו שיידן,
פאַרוואַנדלט אין אַ שרעק מיין רו.
כ'האָב רעאַליזירט, אַז ער קען אויך ניט ריידן.

REST

I seek rest. My unending restless quest.
I love trees—huge gigantic trees, or even a park.
I am tired of the city street.
I want broad wide-leaved streets.
I am weary of the street.

Here is a lonely likely rustic seat,
Lonely as I am, waiting for someone to whom to speak.
But no! This old man has an ear-trumpet.
He cannot hold converse with me,
Though there is much for us to say.

I find it better so,
Though there is much for us to say.
It is so quiet here, every voice is hushed and still.

I passed him Shalom Aleichem,
How is a Jew?
He did not answer.
His ear trumpet did not hear.

So I rose and walked the street again.
Let me walk in my own silence.
Let me hear the sound of rustling trees,
Rustling in the breeze.
Aleichem Shalom, an answer I seek.
Greetings to you.
I realized then he also cannot speak.

וואָס איך וועל מיטנעמען

כ'וועל מיטנעמען מיין וואַלגערן און מיין גלויבן,
די שלאָפלאָזע נעכט און מיין חלום־געבאָט,
און דעם אידישן וויי־געשריי אין גאַנג צום גאַז־אויוון,
און דעם נאַצי־אָפיציר'ס געלעכטער מיט זיין שפּאָט.

כ'וועל מיטנעמען מיט זיך די ליבשאַפט,
צום מענטש, און צו מיינע נאָענטע און מער,
דעם גלויבן און וואַרעמקייט וואָס איך האָב פאַרשאַפט,
און דעם שמייכל און פאַרגעניגן אויף זייערע פּנימער.

איך וועל מיטנעמען דאָס וואַרעמקייט און גלויבן,
פון מיינע לעזער און מיינע הערער
כ'וועל מיטנעמען די עפנקייט פון מיין טיר,
וואו מענטשן זיינען געקומען אַריין און אַרויס,
ווען אימיצער האָט געזוכט הילף פון מיר,
איז אַוועק מיט אַ שמייכל, און איך צום הימל גרויס.

כ'וועל מיטנעמען מיט זיך מיין אַלטע ליבע,
וואָס איז אויסגעקריצט אויף מיין האַרץ און נשמה,
איבערלאָזן אַ וועלט אַ טריבע,
אויך מיין צעבראָכענע סטרונע.

WHAT WILL I TAKE WITH ME

I will take with me my wandering and my faith,
The sleepless nights, my dreams and prayers,
The Jewish cry of pain on the march to the gas ovens,
And the sound of the Nazi officer's contempt and laughter.

I will take with me my love for people,
Not only for those close to me but also others,
The memory of confidence and warmth instilled,
And the pleasure of seeing smiles on those faces
That remained with me long after.

I will take with me the sound of applause
And the warm appreciation of my audiences
And the gratification of seeing a flow of people
Sharing the welcome of my ever open door
and the knowledge that anyone who asked for help was satisfied—
He left with a smile and I was left feeling ten feet tall.

I will take with me my old love
Etched in each beat and rhythm of my heart.
All this goes with me to remain
For all eternity and more.

I leave behind only a sad world.